STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01878

DER ID UN ZAYN TRADITSYE

Simon Raphael Krinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

איד אין זיין טראדיציע

—פון—

שמעון ר. קרינסקי

ארויסגעגעבען פון

שמעון דרוקערמאַן, 50 קאנאל סטריט, נ. י.

ניו יאָרק, תרפ"ו — 1926

THE

JEW AND HIS TRADITION

By

SIMON R. KRINSKY
Principal Hudson Hebrew School
22 N. 5th Street, Hudson, N. Y.

Copyright, 1926
by
Simon R. Krinsky

שמעון ר. קרינסקי

געהייליגט

מיין מוטער חיה קרינסקי

האָראָדאָק, קרייז ביאַליסטאָק

הארציגע ברכות

צו מיין ווירדיגען האָכגעשעצטען קאַזין

ה׳ מאיר שמעון פעלער

מיט זיין ווירדיגע פרוי מ ר י ם און פאַמיליע

אין ניו בראָנזוויק, נ. דזש.

פאַר זייער וואַרעמען אָפּרופען זיך צו דער פאַמיליע
אין פּוילען און אין ארץ-ישראל.

פאָרוואָרט

אמר ר׳ יהושע בן לוי עשרים וארבע תעניות ישבו אנשי כנסת הגדולה על כותבי ספרים, תפלין ומזוזות שלא יתעשרו, שאלמלי מתעשרים אין כותבים. (פס׳, נ:).

ניט אַנדערש אַז ווען די „אנשי כנסת הגדולה“ האָבען געפאַסט און תפלה געטאָהן, אַז די שרייבער פון ספרים, תפלין און מזוזות, זאָלען חלילה רייך ניט ווערען — האָבען זיי דאָן אויך אין זינען געהאַט אַלע אַרט מחברים. עס לאָזט זיך גאָר ניט הערען אַז אַ מחבר פון אַ אידישען ספר, ווי גוט ער זאָל ניט זיין, זאָל רייך ווערען. ממילא, דאַרף מען גאָר קיין טעות ניט מאַכען, אַז ווען אַ מחבר גיט אַרויס אַ בוך האָט ער אין זינען „דיני ממונות“. אין בעסטען פאַל ווערט דער אויטאָר זיין צו־פריעדען ווען ער ווערט ניט דאַרפען דערלייגען צום עסק.

מען דאַרף אויך ניט זיין גענאַרט און ביי זיך דענקען, אַז דער אויטאָר פון זיין בוך דיינקט אַז קיין בעסערע און קיין טיעפערע געדאַנקען ווי אין זיין בוך איז גאָר ניטאָ.

און אַז דער מחבר מיינט דערביי ניט קיין כבוד איז דאָך אָפּגערעדט; ווארום דער מחבר איז דאָך „כחומר ביד היוצר“. ער ליגט דאָך אין גאַנצען אין דעם רשות פון דעם קריטיקער. וויל ער — הויבט ער איהם אויף ביז׳ן הימעל און באַזינגט איהם מיט די גרעסטע „שירות ותשבחות“. און וויל ער — מאַכט ער פון איהם אַ תל־עולם

שרייבענדיג מיין בוך האָב איך געוויס די אַלע דריי כונות ניט געהאַט. אמת נאָך זייענדיג אין אייראָפּא און אין א״י איז מיר אויסגעקומען צו האַלטען רעדעס און דרשות פאַר פער־

שיעדענע נאַציאָנאַלע קרייזען, וועלכע האָבען לויט דעם מיינונג פון באַדייטענדע אויטאָריטעטען געווען פעררעכענט אַלס לאָגי-שע און אינהאַלטסרייכע — דאָך האָב איך ניט געדיינקט אויפ-צוקלייבען מיינע געדאַנקען און אַרויסגעבען אַ בוך.

נאָר אזוי ווי איך שטעה שוין דעם פינפטען יאָהר אין האָדסאָן, נ. י., און מיר איז אויסגעקומען זעהר אָפט צו רעדען אין דער שול „אנשי אמת“, איבער די אידישע ימים טובים, חנוך און ארץ ישראל, האָב איך בעשלאָסען אָפּצודרוקען מיינע אַלע רעדעס און דרשות.

אַ גרויסען טייל פון מיין בוך האָב איך געדרוקט אין „דאָס אידישע פאָלק“ דער אָפיציעלער ציוניסטישער אָרגאַן אין ניו יאָרק.

שמעון ר. קרינסקי.

האָדסאָן, נ. י.

דער שופר בלאָזען פון די בערג אין ציון

„והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים
בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לד׳ בהר הקודש
בירושלים...״ (ישעיה, כ״ז).

פון דעם רבינו סעדיה גאון׳ס צעהן טעמים פון שופר בלאָזען אום ראש השנה, איז שוין מעהר ניט ווי ניין פערבליבען.

די ניין היסטאָריש- כראָנישע סימבאָליסטישע זכרונות פון דעם טראַגיש- טריאומפירענדעם שופר, זיינען בלויז פאַר אונז לעבען געבליבען.

דער הויפט טעם פון די „התעוררות-הנפש״, וואָס דער שופר פלעגט אין אונז אַרויסרופען ראש השנה, דאָס די אידען זאָלען ניט אויפגעבען זייער גלויבען און האָפנונג אין דער פאַר־ווירקליכונג פון ישעיה׳ס נבואה — איז שוין מקוים געוואָרען.

דער גרויסער טאָג פון דער אידישער באַפרייאונג איז שוין געקומען, האָט זיך שוין אָנגעהויבען. דער „והיה ביום ההוא״ איז שוין פאַר אונז אַ לעבעדיגער געגענוואַרט.

פון דעם כרמל און די הרי יהודה, פון דעם ירדן און כנרת, דערטראָגען זיך צו אונז אין ענגען גלות די קולות פון דעם שופר, וועלכע דערצעהלען אונז, דאָס „שבים בנים לגבולם, אַז אידען פאַרלאָזען דעם איינגעקריצטען צוויי טויזענט-יאָהריגען גלות און קומען בויען די אידישע היים.

דער משיח-שופר הערט ניט אויף צו בלאָזען וועגען די גרויסע קרבנות און מסירת נפש פון די חלוצים, וועלכע פערוואַנדלען מדבריות, וויסטעניִשען, אין גן עדן׳שע דגניה׳ס און נהלל׳ס. דער גאולה-שופר דערטראָגט צו אונז קולות

פון נייע לאנד-קניות, וועלכע זיינען ערֲאבערט געווארען דורך דעם קרן-קימת. שופר-קולות פון א סנהדרין פון יבנה'דיגע פאקולטעטען בעטויבען אונזערע אויערען.

יע, דער טאג איז געקומען און דער שופר בלאזען ווערט שטארקער און ערנסטער. אט דעם קול פון שופר, אט אזא שופר בלאזען, דארף יעדער איד דערהערען ראש השנה אין שוהל און מאכען שהחיינו.

קיין איד טאר זיך ניט טויב מאכען!

מיר טארען ניט פארשלאפען, פאר'שכור'ען, די באלפור דעקלאראציע, וועלכע איז אונז געגעבען געווארען נאך אזוי פיעל ליידען אין גלות.

מיר דארפען אונזערע פאלאצען אין לוקסוסדיגע היימען פארלאזען, און א פאלקאמע באפרייאונג פאר'ן פאלק ישראל ברייננען.

מען דארף דאך האבען „לבבות" צו קענען איינזיצען אין די ליכטיגע היימען אין דער צייט, ווען אין ארץ ישראל דריקען און פרעסען די חורבות.

ווען מיר וואלטען היינט א „חגי" אדער א „זכריה" געהאט, וואלטען זיי דאך אונז די אויגען אויסגעלעכערט. האט ניט חגי הנביא גלייך ווי די כורש-דעקלאראציע איז פראקלאמירט געווארען, גערופען א מאסען-מיטינג אין שול אין א ראש-חדש טאג, און א פייערדיגען אפיעל געמאכט:

„העת לכם אתם לשבת בבתיכם ספונים, והבית הזה חרב?"

איז דאס ריכטיג פון אייך צו געניסען פון אייערע באקוועמע היימען, בעת דאס הויז פון גאט ליגט אין חורבות?

„עלו ההר והבאתם עץ ובנו הבית!"

שטייגט ארויף אויפ'ן בארג, ברענגט האלץ און בויט דעם בית-המקדש!

אויך דאָן האָבען די גלות אידען אַ „קרן-היסוד“ געהאַט, און געלט געשיקט צו בויען די חורבות פון לאַנד און דעם בית-המקדש. זכריה הנביא דערמאָנט אונז די נעמען פון די חלוצים: חלדי, טוביה און ידעיה, וועלכע האָבען זיך פון בבל אומגעקערט, און האָבען מיט זיך פיעל געלד מיט זילבער מיטגעבראַכט אַלס אַ נדבה, אַ מתנה פון די אידען, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבען, פאַר דעם בנין פון בית-המקדש.

„לקח מאת הגולה מחלדי מאת טוביה ומאת ידעיה ובאת אתה ביום ההוא ובאת בית יאשיה בן צפניה אשר באו מבבל, ולקחת כסף וזהב ועשית עטרות ושמת בראש יהושע בן יהוצדק הכהן הגדול“.

אין עקאָנאָמיש און פּאָליטיש ערגערע צייטען האָבען אידען די גרעסטע אָפּערונגען געגעבען, אום ניט צו פערשפּילען די היסטאָרישע שעה פון דער כורש-דעקלעראַציע. על אחת כמה וכמה, אַז אונזערע נביאים האָבען מיר פאַרזינדיגט, טאָרען מיר זיך געווים אין קיין באַפרייאונגס-דעקלעראַציעס ניט שפּילען.

מיר טאָרען ניט!

אַזוי זאָגט דער שופר, וועלכער בלאָזט צו אונז פון דער בויענדער ארץ ישראל.

יום כפור

כי ביום הזה יכפר עליכם, לטהר אתכם מכל חטאתיכם, לפני ה׳ תטהרו.

האומר: אחטא ואשוב, אחטא ואשוב — אין מספיקין בידו לעשות תשובה. אחטא ויום הכפורים מכפר — אין יוה״כ מכפר. עברות שבין אָדם לחבירו — אין יום הכפורים מכפר, עד שירצה את חבירו. את זו דרש ר׳ אלעזר בן עזריה: מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו — עברות שבין אָדם למקום — יוה״כ מכפר, עברות שבין אָדם למקום — אין יוה״כ מכפר, עד שירצה את חברו. (יומא, פ״ח).

יום כפור איז דער טאָג וועלכער בריינגט אַלע שיכטען פון פאָלק אין גאָטעס הויז, צו בעטען מחילה ביי גאָט פאַר די בין אדם למקום׳דיגע און בין אדם לחברי׳דיגע זינד.

יום כפור איז דער טאָג, וועלכער אַלע אידען דערקלערען זיך שולדיג און טוען תשובה, פאַרזיכערען גאָט צו אויסבעסערען זייערע וועגען און געהן אין דער וועג פון מאָראַל און גערעכטיגקייט.

און פאַרזיכערט האָט מען אונז אַז אין דעם טאָג וועט גאָט אונז מוחל זיין אויף אונזערע זינד, ער וועט אונז רייניגען און אין געגענוואַרט פון גאָט, וועלען מיר גערייניגט ווערען. פיל מפרשים זוכען צו פערשטיין דעם „לפני ה׳ תטהרו״, עפּעס קוקט ער פאַר זיי אויס ניט פאַשטענדליך, צופיל באַגרעניצט. מיר וועלען דעם „לפני ה׳ תטהרו״ טיפער פאַרשטיין נאָכדעם ווי מיר וועלען בריינגען אָט דעם קורצען משל.

אַ מלך בשר ודם האָט אַמאָל צו וויסען געגעבען אַ קאַרפּוסנאָעם גענעראַל, אַז אין דעם און אין דעם טאָג וועט ער קומען באַזוכען די סאָלדאַטען פון זיין קאַרפּוס. געוויינטלאך

האָט דער גענעראַל גלייך צונויפגערופען זיינע אָפיצערען און האָט זיי פאַראָרדענט אַז אַלע סאָלדאַטען מוזען זיין אויסגעפוצט אין זייערע מונדירען, די קנעפּ פון זייערע שינעלען און די שטי-וועל זייערע, מוזען בלאַסקען, אויך די שווערדען מיט די ביקסען מוזען בלישצען פון דער ווייטען. כדי ווען דער קיסר וועט קומען זאָל איהם אַלעס געפעלען ווערען, און ער זאָל אַלע סאָל-דאַטען שיינקען מתנות.

ווען דער באַשטימטער טאָג איז געקומען, איז דער גע-נעראַל נאָך פאַרטאָג געקומען צו פאַרען און האָט אויפגערופען אַלע סאָלדאַטען. פינסטער און חושך איז איהם געוואָרען צו-קוקענדיג דעם „הלך" פון די סאָלדאַטען: צוריסענע קליידער, שמוציגע שטיוועל, פאַרזשאַווערטע ביקסען. ער האָט גלייך געגעבען אַ באַפעל צו רייניגען די קליידער און די ביקסען. און אין מיטען זייער אַרבעט איז דער קיסר אָנגעלאָפען און געפונען אַלע זיינע סאָלדאַטען זיצענדיג און שייערען די שווער-דען, די ביקסען און די קנעפּ פון די מונדירען. דער קיסר איז געוואָרען „מלא חמה" און האָט דעם גענעראַל מיט זיינע אַלע אָפיצערען אין טורמע פאַרשיקט פאַר מורד זיין במלכות. היינט טאָ וואָס פאַר אַ "הכנות„ דאַרפען מיר שוין מאַכען אַז דער מלך מלכי המלכים אַליין קומט אונז זען.

גאָט האָט אונז צעהן טעג צייט געגעבען צו מאַכען זיך ריין, צו זיין ראוי איהם מקבל זיין אין דעם טאָג פון יום כפּור, דאַרפען מיר דאָך אין דעם טאָג פון יום כפור, שוין זיין ריינע, תשובה געטאָנענע. לסוף איז דער טאָג פון יום כפור, ביי אונז דער הויפּט טאָג פון רייניגען זיך, פון תשובה טאָן.

אָט דאָס איז די לאָגיק פון „לפני ה׳ תטהרו": אפילו יום כפור וואָס די „שכינה רוהט דאַן אין די בתי מדרשים, ווי דער מדרש זאָגט אין בראשית רבה: אמר רבי יצחק: מנין שהקדיש ברוך הוא מצוי בבית הכנסת? שנאמר: „אלהים

נצב בעדת אל". און מיר האָבען שוין געדאַרפט זיין ריינע, אין גאַנצען זינדלאָז — פונדעסטוועגען איז דאָס ביי גאָט ניט פאַרעכענט פאַר אַ „מרידה במלכות". איר מעגט זיך רייניגען אין געגענוואַרט פון גאָט: טוט תשובה, זאָגט צו צדקה, פייניגט אייערע קערפערס און זייט מתפלל. לפני ה' — אין געגענוואַרט פון דעם מלך מלכי המלכים — תטהרו — מעגט איר זיך ריי־ניגען און תשובה טאָן.

און תשובה טאָן דאַרפען מיר אַ סך, ווייל אונזערע זינד זיינען גרויזאַם. אונזערע בין אדם לחברו'דיגע זינד, זיינען באַ־גאַנגען געוואָרען מיט דער גרעסטער אכזריות און רחמנות לאָזיגקייט. און אויף אַזעלכע זינד איז יום כפור ניט מכפר, סיידען מיר זאָלען ביי די דורך אונז באַ'עול'טע מחילה בעטען.

די טויזענדער ברידער און שוועסטער אונזערע פון מזרח אייראָפּע, וועלכע זיינען אויף די שענדלאַכסטע, באַרבאַרישע אופנים פאַגראַמירט געוואָרען, און ראַנגלען זיך ביז היינטיגען טאָג מיט די אידישע שונאים, האָבען שוין לאַנג זייער זיכערע היים אין ארץ ישראל געקענט געפינען.

זייער הילפ-געשריי איז געבליבען שוועבען אין די לופטען. מיר האָבען די אויערען פאַרשטאָפּט און זיך ניט הערענדיג געמאַכט.

מיר האָבען זיך זעהר קאַלט באַצויגען צו דער נאָבעלער אַרבעט פונדעם קרן-היסוד וועלכער זאָרגט אָט יענע אומגליק־ליכע פאַמיליעס אונזערע, פון דער „עיר ההרגה" ארויסכאַפּען און זיי אין דער אידישער „ארץ ישראל" ברייגגען.

מיר וואָלטען שוין געקענט האָבען אַ מיליאָן אידען אין ארץ ישראל, ווען אונזערע הערצער וואָלטען אַזעלכע פאַרשטיי־נערטע ניט געווען. ווער נאָך ווי מיר אַמעריקאַנער אידען קענען אַזוי ראַדיקאַל העלפען ארץ ישראל? העלפען ארץ ישראל מיינט העלפען אונזערע פאַגראַמירטע, חרוב געוואָרענע ברידער

אין רוסלאנד, פוילען, גאַליציע און אונגארען. און אַז מיר ענטזאָגען זיך צו לינדערען די נויט פון אונזער אייגען בלוט, דאַן האָבען אונזערע אווטאָמאַטישע „תפלות" מיט'ן „ועל חטא" קיין חשיבות ניט. די אויפבויאונג פון אונזער לאַנד און אַהיים פאַרזיכערונג פאַר די טויזענטער היים־לאָזע, איז פיל העכער ווי יום כפור.

מיר געפינען אויך אַז שלמה המלך האָט יום כפור פאַר א מזבח יום טוב אויסגעביטען, פאַר אַ חנכת־הבית פראָקלאַמירט. (מועד קטן, ט')

אויב מיר ווילען אַז „יום כפור" זאָל זיין דער טאָג פון „לטהר אתכם", דאַן טאָרען מיר אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסען אָן די עברות פון „בין אדם לחברו".

מיר מוזען אויף זיך נעמען אַ תשובה פון אַ גיכע ממשות'דיגע בין אדם לחברו הילף.

מיר מוזען אונזער ענערגיע פאַר אונזערע אומגליקלאכע ברידער אין דינסט שטעלען, און פאַר זיי אַ זיכערען, געזונטען באָדען שאַפען, וואו זיי זאָלען מער פון זייער היים ניט גע־טריבען ווערען, און דאָס קען נאָר זיין אין אונזער היימלאַנד ארץ ישראל.

ארץ ישראל איז ביי היינטיגען טאָג די זיכערסטע היים פאַר די אידען וואו זיי קענען לעבען לויט די געזעצען און פרינציפען פון תורת משה.

סכות

בסכות תשבו שבעת ימים, כל האזרח בישראל ישבו בסכות, למען ידעו דרותיכם כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים.

בסכות תשבו — תשבו כעין תדורו; מכאן אמרו: כל שבעת הימים עושה אדם סוכתו קבע וביתו עראי. כיצד? היו לו כלים נאים — מעלום לסוכה, מצעות נאות — מעלן בסוכה. אוכל ושותה ומטיל בסוכה ומשנן בסוכה.
(סוכה, כח:).

„וישבתם לבטח בארצכם" — בארצכם אתם יושבים לבטח ואי אתם יושבים לבטח בחוצה־לארץ. (ילק"ש, בחקותי).

„מי יתן לי אבר כיונה? — למה כיונה? לפי שכל העופות בשעה שהם יגעים הם נחים על גבי סלע או על גבי אילן, אבל היונה הזו בשעה שהיא פורחת ויגעה, קופצת אחת מאגפיה, ופורחת באחת מאגפיה. „אלין במדבר" — מוטב ללין במדבריות של א"י ולא ללין בפלטריות של ח"ל.
(ב"ר פ׳ ל"ט; ילק"ש).

יעדער יום טוב האָט זיך זיין קדושה, זיין היסטאָרישע פּאַסירונג און זיין סימבאָל. דער יום טוב סכות איז באַקרוינט געוואָרען מיט אַ זמן שמחתנו. פרייען דאַרפען מיר זיך אין דער וואָך פון סכות. און געפרייט האָבען זיך טאַקע די אידען אין ארץ ישראל ווען דער נאַציאָנאַלער יום טוב איז געקומען. דער יום טוב סכות איז דאָך געווען דער „חג האסיף". נים נאָר דער־מאָנט האָט דער יום טוב אידען אין דעם גלות, אין דעם מדבר, וואו זיי האָבען אין ביידלאַך געלעבט, ווען גאָט האָט זיי פון מצרים אַרויסגענומען — נאָר אין דער פרייהייט, אין זייער זעלבסשטענדיגען נאַציאָנאַל פּאָליטישען לעבען. קענען גאָר מיר זיך פאָרשטעלען מיט וואָס פאַר אַ שמחה האָט דאָס דער איד

מקים געווען די מצוה פון סכה, ווייסענדיג אז ער לעבט אזא געזונטען נאטירליכען לעבען; אז זיין חבר איז די מוטער ערד, דער כרם מיט'ן גפן. דער איד אין ארץ ישראל האט דאך געפייערט צוויי ימים טובים, א זכר יום טוב פון די שטענדיגע סכנה'דיגע מדבר סכות, און א לעבעדיגען קאלאניזאציאנס יום טוב, דער שייער זיינער איז פול מיט תבואה, די קעלטערס מיט וויין, קיינע זארגען. די נאטור איז רייך, די לופט געזונט, פריש און ריין. ער פרייט זיך. ער זיצט אין דער ווארימער ליכטיגער סכה און דערציילט און דערמאנט זיך אין יענער גרויסער שעה ווען גאט האט די אידען אין דעם מדבר געפירט, און די אידען האבען אין קליינע ניט זיכערע ביידלאך פאר־בראכט. מיט דעם אריינקומען אין ארץ ישראל און מיט דער פייערונג פון א חג האסיף, האבען טאקע די אידען געמאכט די סכה פאר א דירה, פאר א ישיבת קבע. ווי די גמרא זאגט בסכות תשבו — תשבו כעין תדורו. ניט נאר זיצען אין סכה זיינט איהר פארפליכטעט, נאר לעבען, עס מאכען פאר א היים, פאר א דירה. ווי צו לעבען און פארברייננגען דארט גאנצע דורות האבען איר אידען מקבל פנים געווען. די שענסטע כלים האבען אידען אין סכה אריינגעבראכט, געשלאפען דארט, געלערענט און פארבראכט אין דער חג האסיף'דיגער סימבאליסטישער סכה.

די אידען אין ארץ ישראל האבען ערשט זיך איבערצייגט, אז דער לעבען אין ארץ ישראל אין אן איינגע סכה וועלכע איז געמאכט פון דינע צווייגען, איז מער געשיצט און זיכער ווי אין פאלאצען אין גלות'דיגע פעסטונגען. די אידען האבען ערשט דעם „וישבתם לבטח בארצכם" רעאליזירט. אז רוהיג זיצען קען מען נאר אין דער אייגענער לאנד, אין ארץ ישראל, אבער ניט אין דעם מדבר, אין דעם איינזאמען גלות. און מיר וועלכע לעבען טאקע אין דער מדבר, אין דעם פינסטערען גלות, און פייערען

מער ניט ווי דעם „זכר למדבר סכות" אָהן אַ חג האסיף, פילען טאַקע ווי אונזער לעבען אין גלות איז אַ שטענדיגע סכנה'דיגע מדבר סכה.

מיר האָבען געזעהן ווי הונדערטער אידען וועלכע האָבען געלעבט אין דער רייכער רוסלאַנד אין רייכע היימען, פּאַלאַצען, וועלכע האָבען גאָר ניט גע'חלום'ט אַז זיי וועלען מוזען אויפגעבען די פּאַלאַצען, און אַליין וואַנדערען און זוכען אַ שטיקעלע היים, — זיינען פּלוצלונג פאַרטריבען געוואָרען פון זייערע היימען, אַלץ געלאָזען הפקר, דעם גאַנצען פאַרמעגען דעם שונא איבערגעלאָזען.

מיר זעהן יעדען טאָג ווי טויזענטער פאַמיליעס אַנטלויפען פון זייערע סכות'דיגע גלות היימען און גייען אין ארץ ישראל, אין דער אמת'ער אידישער, אייביג זיכערער היים, וואו דער יום טוב סכות ווערט געפייערט צו זאַמען מיט דעם חג האסיף.

דער איד האָט ניט קיין היים אין גלות, אַ סכה איז דער אידישער עקזיסטענץ אין גלות, וועלכע קען יעדע מינוט איינפאַלען און זיך צוברעכען.

און ווי דער איד האָט אָנגעפאַנגען צו זיך איבערצייגען אין ניט זיין זיכערקייט אין גלות, אַז ער בויט פּאַלאַצען, פּיראַמידען, ניט פאַר זיך, נאָר פאַר די פאַשידענע פּרעה'ס — אַזוי האָט ער אָנגעהויבען זיך דערמאָנען אין דעם „וישבתם לבטח בארצכם", און האָט אָנגעפאַנגען זיין היים אין ארץ ישראל בויען. אונטער די שווערסטע באַדינגונגען בויען איצט אידען די „סכת דוד הנופלת" און פילען זיך אַזוי זיכער, אַזוי היימיש.

„מוטב ללון במרבריות של א"י ולא ללון בפלטריות של ח"ל". עס איז בעסער צו שלאָפען, צו לעבען אין די וויסטענישען פון ארץ ישראל, ווי אין די פּאַלאַצען אין גלות.

וויפיל טויזענטער חלוצים-פאַמיליעס, וועלכע האָבען זייערע פּאַלאַצען-סכות דעם לעצטען יאָהר הפקר געלאָזען, פּייע-

רען דאָס היינט אין קליינע צופרידענע, איינגע ,זיכערעביידלאך, דעם נאַציאָנאַלען חג האסיף סכות אין ארץ ישראל. גליקלאך זיינען מיר וואָס מיר האָבען זיך פון אונזער גלות-שלאָף באַצייטענס אויפגעכאַפּט און מיר האָבען זיך מיט אונזערע גאַנצע כחות צו ארץ ישראל אַ וואָרף געטאָן. אויב מיר ווילען ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק, און צוריק פייערען דעם אידילישען חג האסיף — מוזען מיר ווי די „יונה", די טייבעלע, אַ מינוט ניט פאַרלירען. מיר טאָרען מיד ניט ווערען, און אויף אַ מינוט די ארץ ישראל אַרבעט ניט אויפגעבען.

דאַן וועלען מיר פילען אַז דער יום טוב סכות איז אונזער „זמן שמחתנו". דאַן וועט דער יום טוב סכותווערען אַ לעבעדיגער, אַ חג האסיף'דיגער.

די היינטיגע חשמונאים און מכבייער.

שוין העכער צוויי טויזענד יאָהר, ווי דאָס אָרעם, עלענד אידיש פאָלק, פייערט זיין טריאומפירענדעם נאַציאָנאַל היסטאָ־רישען פייערטאָג חנכה, אונטער פרעמדע פאַרנעבעלטע הימלען.

שוין העכער צוויי טויזענט יאָהר, ווי דאָס אָרעם אידיש דיאספארא פאָלק, לעבט מיט די עבר׳דיגע נצחונות, מיט דעם נאַציאָנאַליזם פון די עבר׳דיגע גבורים און מארטירער, מיט די פייערטעג פון יענע זיסע צייטען, ווען מיר זיינען אַ פאָלק געווען, ווען מיר האָבען אַ לאַנד געהאַט.

שוין העכער צוויי טויזענד יאָהר, ווי עס דונקלען און סוד׳ען זיך, שטילע, געהיימע הייליגע פייערלאַך, אין אונזערע איינגע פינסטערע פאַרצויגענע פענסטער, וועלכע ווערען אָנ־געצונדען דורך דאַרע ציטערדיגע הענט פון נאַציאָנאַלע, טראַדי־ציאָנאַלע גלות־אידען, צוזינגענדיג דערביי דעם פול אַדורכגע־מאַכטען עלעגישען „הנרות הללו“, אמת, ניט איינמאָל האָבען אונז שוין די ליכטעלאַך געהאַט איבערגעשראָקען, ניט איין מאָל זיינען מיר מיט זיי אין „סכנה“ געווען: אָט פאַרלעשען זיי זיך שוין האָט זיך אונז געדאַכט, אָט געהען זיי אוים, אָט פערשווינדען זייערע כודות, אָט שטאַרבט אָפּ פון זיי די חשמונאים׳שע גבורה, דער פּאַטריאָטישער שטאָלץ — און דאָך איבערגעקומען די אַלע שטורעם ווינטען, דאָך ניט פאַרלאָשען געוואָרען דער גייסט פון די מכבייער.

די נישטיקע חלב׳נע ליכטעלע, האָט זיך צופלאַקערט אין אַ גרויסען, הייליגען נאַציאָנאַלען פייער, און דינט אונז פאַר

רעם „עמוד האש“ אין אונזער טיפען פינסטערען איינגעקריצטען גלות לעבען.

די ליכטעלאך האָבען געזיגט.

די ליכטעלאך האָבען שוין אויפגעהערט צו זיין פאַר אונז „עדי ראיה“ ליכטעלאך, צו דערציילען אונז די נסים, דעם אי־דעאַליזם פון די אַמאָליגע חלוצים און מכבייער.

די ליכטעלאך האָבען שוין אויפגעהערט צו זיין פאַר אונז „אלא לראותם בלבד“ ליכטעלאך, פענסטער ליכטעלאך, זיי זיינען שוין מעהר ניט פאַר אונז יאָהרצייט ליכטעלאך, קיין „מצות לספר“ און „אל מלא רחמים“ ליכטעלאך. ניין, זיי זיינען שוין מעהר ניט קיין אָוטאָמאַטישע.

זיי דערציילען שוין אונז מיט נאַציאָנאַלע גאוה, וועגען אַ נייעם „חנכת הבית“, וועגען יונגע העלדישע חשמונאים און מכבייער, וועלכע האָבע זייערע היימען פאַרלאָזען, און בויען מיט דער גרעסטער „מסירות נפש“ אונזער היים, אונזער פאָטער־לאַנד, ארץ ישראל.

טיף אין הארצען ברענען די ליכטעלאך ביי אונזערע חלוצים, ביי אונזערע איצטיגע חשמונאים און מכבייער וועלכע רייסען די רואינען און חורבות מיט זייערע ציין און נעגעל, און פארוואנדלען די ביז איצטיגע מדבר׳דיגע ארץ־ישראל אין א גן עדן. די סימבאָלישע ליכטעלאך דערציילען אונז אַז דער גרויסער טאָג פון דער אידישער באפרייאונג איז געקומען, האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען.

הנרות הללו, די היינטיגע ליכטעלאך, וועלכע מיר צינדען, דערציילען אונז פון פרישע לאַנד קניות, וועלכע זיינען עראָ־בערט געוואָרען דורך דעם „קרן קימת“, זיי דערציילען אונז אַז „שבים בנים לגבולם“, אַז אידען פאַרלאָזען דעם איינגע־קריצטען צוויי טויזענט יאָהריגען גלות, און קומען בויען די אידישע היים. די פייערלאך דערציילען אונז אַז די העברעאישע

שפּראַך, די שפּראַך פון די תורה און נביאים, האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון „הסר המצנפת והרם העטרה“, און איז צוריק די פּאַרלאַמענטאַרישע מושל׳טע געוואָרען אין ארץ ישראל.

דער היילינגער נאַציאָנאַלער פייער וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק צופלאַקערט ביי אונזערע איצטיגע טרייע חלוצים און מכבייער, האָט מיט דעם זעלביגען רוף וואָס מתתיהו האָט זיך געווענדעט צום פאָלק ארוים: מי לה׳ אלי! מיר מוזען דאָס פאָלק ישראל אַ פאָלקאָמע גאולה ברייננגען, מיר מוזען!

הנרות הללו! די ליכטעלאך וועלכע מיר צינדען היינטיגען חנכה, זיינען נסים׳דיגע, גבורות׳דיגע און נפלאות׳דיגע ליכטעלאך פון די היינטיגע מכבייער, פון די היינטיגע חשמונאים און חלוצים, וועלכע ברענען מיט אַ שטאַרקען חלוצי׳שען גייסט, וועלכער קען קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען.

יע, אַ נר תמיד, איז דאָס איינפאַכע חלב׳נע חנכה-ליכטעלע.

פורים אַלס דער יום טוב פון נקמה.

ניט אומזיסט איז ביי אונז אידען פאַררעכענט פורים אַלס איינער פון די פריילאַכסטע היסטאָרישע פייערטעג: געפינען מיר דען אַ סך אַזעלכע ליכטיגע, היסטאָרישע פּאַסירונגען אין אונזער פאַרבלוטיגטע גלות-געשיכטע? געדיינקען מיר דען נאָך פון אַזעלכע איינגענעמע „נקמות" וועלכע מיר האָבען געזעהן אין אונזערע שונאים די המן׳ס?

פורים און חנכה זיינען דאָך כמעט די איינצעלנע צוויי ליכטיגע שטערען, וועלכע פאַלען און גלעטען אונזערע פאַר-כמאַרעטע, אויסגעבלייכטע גלות-געזיכטער.

מיר טאָרען אָבער זיך ניט איינבילדען און זאָגען, אַז דאָס זיינען צוויי דורכאוים על הנסים׳דיגע ימים טובים, אַז גאָט האָט אונז „די נצחונות", דעם טריאומף, אין שטוב אַריינגע-בראַכט, און דאָס פאָלק, דאָס אידענטום, איז אין גאַנצען פּאַסיוו געוועזן, דעם קלענסטען ווידערשטאַנד אפילו ניט אַרויסגעוויזען.

מיר טאָרען אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסען אַז דעם חנכה יום טוב, האָבען אונז די הייליגע חשמונאים, די אידעאַליסטישע מכבייער געגעבען, און דעם פריילאַכען נקמה׳דיגען פורים, האָבען מיר אַ דאַנק דעם טראַדיציאָנעלען מרדכי, און דער יתומה אסתר, וועלכע האָט איהר לעבען אין „סכנה" געשטעלט אין דינסט צו איהר פאָלק און שפּראַך.

אָט די צוויי ימים טובים, אָט די צוויי זיך אַליין אויס-געקעמפטע נצחונות, גיבען אונז דעם מוט, די ענערגיע, צו פאָרטזעצען אונזער עקשנות׳דיגען קאַמף. אין אונזער איינגען פינסטערען גלות און מיר זאָגען:

מיר מוזען מיט נאָך אַזאַ נקמה׳דיגען יום טוב אונזער היסטאָריע באַרייכערען, און אַז מיר וועלען וועלען וועט דער געטלאכער „על הנסים" קומען „בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם".

אונזערע היינטיגע המן׳ס וועלכע מיר האָבען זיי אזוי פיל אויף יעדען שריט און טריט, טרעטען ניט אָפּ אויף אַ „קוצו של יוד", פון המן׳ס אַנטיסעמיטישע פּאָלעסי, און קומען אַרויס מיט דער זעלבער באשולדיגונג דאָס „ישנו עם אחד", אַז עס איז פאַראַן אַ פאָלק וועלכער איז צוזייט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און ברייננט אַלע אומגליקען, אַלע קריזיסען אויף דער וועלט.

אונזערע היינטיגע מאָדערנע המן׳ס, די מאָדערנע אַנטי-סעמיטען, באַנוגענען זיך אויך ניט מיט דעם וואָס זיי וועלען מאַכען אַ בלבול אויף איין אידען, חלילה, דאָס לוינט זיי ניט, זיי גראָבען טיפער און אַרבעטען ניט ערגער פון דעם אמת׳ן המן, דעם „אבי אבות הטומאה". דער רוסישער המן, איז ניט געגאַנגען פאַר׳משפּט׳ן דעם אידען ביילים, וואָס פאַר אַ ווערדע האָט ביי דעם רוסישען המן אַ איד, זיי האָבען געזוכט צו טרעפען דאָס גאַנצע אידענטום אין רוסלאַנד. אויך דער פּאַנישער המן, דער פּוילישער, האָט ניט אין זינען געהאַט דעם סטודענט שטייגער, אַ נאַוויגע זיי צו הרג׳ענען אַ אידען — דער פּוילישער המן האָט געהאָפט אַרויסצוטראָגען אַן אורטייל אויף דעם גאַנצען פּוילישען אידענטום. אויך די רומענישע און די איבעריגע המן׳ס, טראָגען זיך אַרום מיט דער זעלבער שנאה צו אידען, ווי דער המן פון די צייטען פון מרדכי און אסתר. איין אונטערשייד נאָר איז אין די רעזולטאַטען פון דעם היסטאָרישען המן ביז אונזערע היינטיגע המן׳ס.

אין די צייטען פון דעם היסטאָרישען המן, האָבען מיר אַ מרדכי און אַן אסתר געהאַט, וועלכע האָבען די גרעסטע ליבע

און מסירות נפש פאר דעם פאלק ישראל באוויזען. אסתר, זייענ-דיג די מלכה פון אחשורוש, וועלכע איז אבסאלוט געווען בא-שיצט פון המן׳ס גזרות, האט זיך מוסר נפש געווען און איהר לעבען אין סכנה געשטעלט, אבי צו העלפען איר פאלק. וואו זיינען אבער אונזערע היינטיגע מרדכי׳ס און אסתר׳ס, וועלכע זאלען זיך שטעלען אין קאמף מיט די המן׳ס ?

היינט איז דאך שווער צו דערקענען א אידישען מרדכי און נאך שווערער א אידישע אסתר.

טאמער איז זוכה א מרדכי צו א הויכע רעגירונג שטעלע, אזוי איז ער דאך שוין ניט אונזערער און שעמט זיך אפילו ניט אפצולייקענען אז ער איז אין גאנצען קיין איד ניט.

דערפאר האבען מיר קיין צער ניט פון אונזערע המן׳ס, זייערע העצעס ברייגנען זיי גינסטיגע ערפאלגען. זיי מערען זיך און שטארקען זיך פון מינוט צו מינוט. וואס ווינציגער א מרדכי אלץ מערער א המן.

און דאס דארפען מיר פילען און פארשטיין ביי דעם „זכרו ימי הפורים“, וואס מרדכי האט אונז פארארדענט: דערמאנט זיך ברידער אז דער יום טוב פורים איז א דאנק וואס די אידישע מרדכי׳ס און אסתר׳ס, זיינען ניט פאר׳פרס׳ט געווארען, א דאנק דעם וואס זיי האבען זייער נאציאנאליטעט ניט פאר-לייקענט, האבען זיי דעם שונא, דעם פארביסענעם המן, א ווידערשטאנד געקענט געבען.

מיר קענען קיינמאל אונזערע שונאים ניט באזיגען. מיר קענען קיינמאל אזא נקמה יום טוב ניט פייערען, ביז וואנען מיר וועלען ניט ווייזען אונזערע המן׳ס אז מיר זיינען טאקע דער שטארקער „עם אחד“, וועלכער האלט זיך ביי זיין רעלי-גיאן לאנד און שפראך.

מיר מוזען דערציען אַ דור פון מרדכי׳ס און אסתר׳ס, דאַן וועלען מיר קענען פייערען דעם יום טוב פורים, אַלס דער נקמה יום טוב, פון אונזערע איצטיגע המן׳ס.

מיר מוזען די אידישע היסטאָריע מיט נייע ימים טובים באַרייכערען.

מיר מוזען!

פסח דער יום טוב פון אונזער באַפרייאונג

ישראל נגאלו ממצרים בשביל שלא שנו שמם: ראובן ושמעון ירדו, ראובן ושמעון עלו. לא היו קוראים ליהודה — רופוס, ולא לראובן — לוליאני, ולא ליוסף לוסטוס ולא לבנימין — אלכסנדרי; ושלא שנו את לשונם, שהיו מדברים בלשון־הקודש, שנאמר: בית יעקב מעם לועז", ונאמר: „כי פי המדבר אליכם" — בלשון הקודש. (ויק"ר, ל"ב).

אָמר ר' הושעיא: עתידה ירושלים לעשות פנס לאומות־העולם והם מהלכים לאורה, זהו שנאמר: „והלכו גוים לאורך". (פסיק').

די אידען זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבען זייערע נעמען ניט געענדערט, און ווייל זיי האָבען צעווישען זיך גערעדט לשון־הקודש.

וויפיל דער טיראַנישער פרעה האָט זיך ניט אָנגעשטריינגט צו אַסימילירען די אידען, וויפיל ער האָט זיי ניט געדריקט און געפייניגט אַז זיי זאָלען זיך מצרים'עזירען, און דער איד האָט אונטער דעם שווערען יאָך פון די ליים און ציגעל אַלע אינקוויזיטאָרישע נסיונות אויסגעהאַלטען און זיך ניט אַסימילירט: „וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרץ".

די אידען אין מצרים זיינען ניט געווען צוברעקעלט אויף „ששים רבוא" קלאַסען און פאַרטייען. יונג און אַלט זיינען געגאַנגען צוזאַמען, אין דער זעלבער ריכטונג און מיט דער זעלבער פּראָגראַם. און דאָס האָט ניט געלאָזט לעבען דעם אַנטיסעמיטישען פרעה „אשר לא ידע את יוסף". וואָס האָט ניט געוואָלט וויסען פון אַ ניט מצרים'עזירטען אידען וואָס זיין נאָמען איז יוסף און ניט לוסטוס, אפילו ווען ער האָט פאַר דער לאַנד מיט דעם גרעסטען פאַטריאָטיזם אַרוים. און האָט מיט זיין „הבה נתחכמה" רוף, פאַר זיין פאָלק די סיטואַציע, די סכנה געשילדערט אין וועלכע דאָס לאַנד געפינט זיך.

„הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו“ אפשר מיינט איר, אַז די אידען זיינען צוברעקעלט, צושפליטערט, ניט פאַראייניגט, זאָג איך אייך אַז: עם בני ישראל: די אידען זיינען אַ פאָלק, איין גאַנצע. הנה—אַט קוקט זיך צו און איבערצייגט זיך: עס העלפט ניט קיין פתם און רעמסס, עס שרעקט זיי ניט די שווערע אַרבעט, זיי אַסימילירען זיך ניט. וואָלטען מיר כאָטש די יוגענט געקענט דערטרינקען, דעם יונגען דור ברייגגען צו דעם אָפּ־גרונד פון אַסימילאַציע, וואָלט נאָך אַזוי גרוים די סכנה ניט געווען. אָבער „רב ועצום ממנו„ מיט דער מיט שטייגען זיי דאָך נאָך אונז אַריבער. דער יונגער דור זייערער גייט האַנט ביי האַנט מיט דעם אַלטען. אַט די גאַנצקייט, אַט די אחדות וועלכע האָט געהערשט צעווישען אַלע שיכטען פון די אידען אין מצרים, האָט אויך מקרב געווען די גאולה פאַר גאַנצע דורות. און דאָס האָט משה געענטפערט פרעה'ן אויף זיין פראַגע: „מי ומי ההולכים“. וואָס הייסט ווער עס זיינען די גייערס—„בנערינו ובזקנינו נלך“. ווייסטו ניט פרעה, אַז ביי אונז איז קיין קלאַסען־קאַמף ניטאָ, קיינע פּרטייען, ווען עס האַנדעלט זיך צו ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק? מיר גייען אַלע „כי חג ה' לנו“. און ווען עס האַנדעלט זיך וועגען “גאָט” זיינען אונזערע קינדער מיט אונז.

„וינצלו את מצרים“. און די אידען האָבען אויסגעליידיגט מצרים, די קלענסטע האָפנונג פון אַסימילאַציע פון זיי אָוועק־געטריבען, און די אידען זיינען באַפרייט געוואָרען פון זייער שווערען פינסטערען גלות, און זיינען אַ זעלבסטשטענדיג פרייע פאָלק געוואָרען. די אידישע היסטאָריע האָט מיט שטאָלץ דעם ערשטען אידישען יום טוב אין איר עקזיסטענץ לדור דורות פאַרצייכענט; מיט גאַנצע פיר נעמען האָט די היסטאָריע דעם נאַציאָנאַלען יום טוב באַקרוינט: חג הפסח, חג המצות, חג האביב און חג החרות.

טויזענטער יאָהרען זיינען שוין אריבער פון דעם ערשטען אידישען באַפרייאונגס יום טוב פסח. שוין העכער צוויי טויזענט יאָהר ווי דאָס עלענד אידיש פאָלק איז צוזייט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, געפינט זיך צווישען אַ פרעמדער אַנטיסימיטישער אַטמאָספערע, און דאָך איבערגעקומען די אַלע „הבה נתחכמה" פּאַרטייען.

מיר שטייען איצט פאַר דעם „ערב יום טוב", פון אַ פאָל־קאָמע אידישע באַפרייאונג, פאַר דעם „חג החרות" פון אונזער איצטיגען ציוויליזאַציאָן גלות. מיר שטייען איצט אויף דער זעלבער מדרגה ווי אונזערע עלטערן אין מצרים. מיר האָבען פון זיך אַראָפּגעשליידערט אונזערע גלות'דיגע נעמען: די לעאָן'ס, איזאַק'ס, ראַבּיליעס, סאָניעס און די סילוויאַס, און צוריק צו די היסטאָרישע, צו די ביבלישע זיך גענומען.

זיך רופען מיט אַ רוסיפיצירטען אָדער אַמעריקאַניזירטען נאָמען אין ארץ ישראל, איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַלע שאַנדע. די אידישע נעמען אין ארץ ישראל זיינען: גדעון, עתניאל, יפתח, תקוה, הרצליה, מרים, פנינה, א. ז. וו.

אונזער „נשמה" איז שוין אויפגעשטאַנען „תחית המתים", מיר האָבען שוין דעם מדבר באַלד אַדורכגעמאַרשירט און מיר שטייען פאַר מתן תורה.

מיר האָבען זיך צוריק אומגעקערט צו אונזער שפּראַך, צו אונזער לשון הקודש. מיר שטייען אויפ'ן באַרג סני, מיר שרעקען זיך גאָר ניט. מיר האָבען איבערגעוואַקסען דעם „כפים עליהם הר כגגית". מיר לערנען הברעאיש לשמה. מיר ווייסען אַז אַנ־דערש קענען מיר די לאַנד ניט עראָבערען. מיר ווייסען אַז קבלת התורה איז געווען פאַר כבוש הארץ. פריער האָבען אידען אַ תורה גענומען, אַ שפּראַך, אַ קולטור געקראָגען, נאָכהער האָבען זיי די לאַנד פאַרנומען. מיר האָבען ביי היינטיגען טאָג אַ נעץ פון הונדערטער שולען, הויך־שולען, ישיבות, וואו אַלץ

ויערט געלערנט אין דער שפּראַך פון אונזערע נביאים. די בצלאל שולע איז ביי היינטיגען טאָג איינע פון די שענסטע קונסט אינסטיטוציעס אויף דער וועלט. דער אוניווערזיטעט אויפ׳ן הר הצופים, באַלויכט דאָך דעם גאַנצען אָריענט מיט זיינע גרעסטע פּראָפעסאָרען. ארץ ישראל פאַנגט דאָך אָן צו ווערען דער פּראָזעקטאָר, דער קולטורעלער וויסענשאַפטליכער ויעג ווייזער פאַר דער גאַנצער וועלט. יע, מיר שטייען פאַר דעם „חג החרות" פון אונזער איצטיגען גלות, מיר האָבען די שטארקסטע באַווייזען דערצו.

שוין געמיטען די יאָהרען פון א „מושב זקנים" ארץ ישראל, וואו אונזערע עלטערן און זיידעס זיינען געפאָרען שטאַרבען אין ארץ ישראל. מיר האָבען דערגרייכט צו דער שטופע פון „בנערינו ובזקנינו נלך". ארץ ישראל איז געוואָרען פאַר אונז א פראַגע פון לעבען. עס האָט צו אונז דערגרייכט די שטימע פון דעם „עלה ראש את הארץ", און מיר גייען. מיר גייען אַלע: יונג און אַלט. מיר גייען לעבען, מיר גייען אויפשטעלען די חורבות, די סכת דוד הנופלת. מיר צייגען אונזערע פרעה׳ס אז „עם בני ישראל", אַז די גלות אידען, זיינען א פאָלק, איין קערפערשאַפט. מיר גייען ווייזען אונזערע גלות׳דיגע בעלי בתים, אז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען ארץ ישראל, איז גאָר ביי אונז קיין קלאַסען קאַמף ניטאָ, קיינע פּאַרטייען.

אַלע שיכטען פון פאָלק, דער גדוד׳ניק, דער השומר, דער הפועל הצעיר׳ניק, דער יאַבלאָנער רבי, האָבען איין אויפגאַבע פאַר זיך: בויען!

און א דאַנק דעם אידעאַליסטישען חלוצישען גייסט פון אַלע שיכטען, שטייען מיר פאַר דעם חג החרות פון אונזער איצטיגען שוידערליכען גלות.

מתן תורה.

ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא, כי אָמר אלהים פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה.

הר סיני, שממנו ירדה שנאה לישראל. (מ"פ).

תניא, ר' שמעון בן יוחאי אומר: שלש מתנות טובות נתן הקדוש ברוך הוא לישראל, וכלן לא נתנן אלא על ידי יסורים. אלו הן: תורה, ארץ ישראל ועולם הבא.

תורה מנין? שנאמר:

„אַשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו".

(ב"ר ה').

„לא מאסתים ולא געלתים — וכי מה נשתיר להם לישראל שלא נמאסו? והלא כל מתנות טובות שנתנו להם נטלו מהם, מה נשתייר להם? זה ספר תורה, שאם לא היה קים לישראל לא היו משונים מאומות העולם כלום. (תו"כ).

ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים, האָט זיי גאָט ניט געפירט דורך דער נענטסטער און באקוועמסטער וועג, אויס מורא,אַז זיי זאָלען זיך ניט אומקערען צוריק אין מצרים, ווען זיי וועלען פאַר זיך דערזען אַ מלחמה. אייגענטליך איז דער פּלאַן גאָר ניט געווען אַזאַ לאָגישער און עס האָט זיך אין אַלגעמיין ניט געווען וואָס צו שרעקען.

ווען גאָט וואָלט זיי געפירט דורך גזר, וועלכע איז די נאָענטסטע און זיכערסטע וועג צו ארץ ישראל, און ווען אפילו די מצרים וואָלטען זיי באַפאַלען, וואָלטען אידען מיט דער גרעסטער מסירת נפש געקעמפט אנטקעגען די מצרים, זייערע נעכטענדיגע שונאים וועלכע האָבען זיי אַזוי טיראַניש גע־פּייניגט.

אַט די האָפנונג און טרייסט אַז זיי זיינען בסך הכל אַ פּאָר טעג גאַנג פון זייער היים, פון ארץ ישראל — וואָלט זיי דעם מוט און ענערגיע געגעבען צו פאַרזעצען זייער עטאַפּ אפילו ביי די בלוטיגסטע באַדינגונגען. אָבער אַז די אידען האָבען אַ קוק געגעבען אַז זיי זיינען אין אַ לאַנגען מדבר, און אַז זיי ווייסען ניט ווען זיי קענען אָנקומען אין זייער צוגעזאָגטער היים, האָבען זיי טאַקע געזאָגט: „נתנה ראש ונשיבה מצרימה". דער אמת איז אָבער אַז גאָט האָט געשראָקען אין גאַנצען אַן אַנדער זאַך, גאָט האָט געוואָלט די אידען פאַר אַ פאָלק מאַכען, געבען זיי אַ תורה, אַ וועלט-רעליגיאָן, אַ קולטור, און נאָכהער אַ לאַנד.

און ווען גאָט וואָלט די אידען גלייך אין ארץ ישראל אַריינגעפירט, וואָלטען די אידען וועלכע זיינען ערשט פון מצרים אַרוים, און פאַר די לעצטע הונדערטער יאָהר קנעכט געווען — גאָר די פרייהייט ניט פאַרשטאַנען און וואָלטען פאַר קיינע אומשטענדען די תורה ניט וועלען מקבל זיין.

גאָט האָט זיי געמוזט צו דעם פרייהייטס געדאַנק צו־גרייטען, ער האָט זיי געמוזט מאַכען „מוכשר" אום צו ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק און האָבען אַן אייגענע לאַנד. — און דורך מתן תורה איז צו זיי די פיהלונג געקומען.

ווי אחד העם דריקט זיך אוים אין זיין „משה":

„און דאָס ערשטע איז עררייכט געוואָרען. פרעה און זיין גאַנץ חיל זיינען דערטרונקען געוואָרען אין ים-סוף, און משה שטייט אַן דער שפּיץ פון זיין פרייען פאָלק, איהם צו פירען אין אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן. „דאַמאָלט זינגט משה". זיינע געפילען שטראָמען איבער זיין הארץ און גיסען זיך אוים אין אַ ליעד — און ער איז גליקלאַך. און ניט געוואוסט האָט דער נביא דאַן, אַז ער שטייט נאָך ביים אָנהויב פון זיין וועג; אַז די וויכטיגסטע ארבעט, די שווערסטע האָט זיך נאָך גאָרניט אָנגעהויבען: פרעה איז פאַרניכטעט, זיינע מעשים אָבער זיינען

פארבליבען; דער הער האט אויפגעהערט א שר צו זיין, דער שקלאף האט אבער ניט אויפגעהערט א שקלאף צו זיין, א פאלק וואס האט זיך דורות לאנג ערצויגען אין א שקלאפענהויז, קאן ניט מיט איין מאל אויסרייסען פון זיין הארצען דעם איינדרוק פון דער ערציהונג און ווערען אן אמת'ער פרייער מענש, אפילו ווען מען האט שוין אראפגענומען די קייטען פון זיינע הענט".

שטייענדיג לעם סיני און הערענדיג די געטלאכע שטימע אנכי ד' — הויבט אן דאס שקלאפען פאלק צו פילען אז עס איז ניטא קיין פעלקער און ראסען געטער, נאר איין אייביגער וועלט-גאט איז דא אויף דער וועלט, וואס הערשט איבער דער גאנצער וועלט און דאס איז דער גאט פון זייערע אבות.

דאס שקלאפען פאלק בארוהיגט זיך אביסעל פון די „קולות וברקים", און פארזיכערט גאט צו הייליגען זיין נאמען און דינען אלס מוסטער פאר דער גאנצער מענשהייט מיט זייער פערזענלאכען און געזעלשאפטליכען לעבען וואס וועט אויפגעבויט ווערען אויף נייע יסודות, אין דעם גייסט פון אמת און גערעכטיגקייט.

די קולטור, די עשרת-הדברות, די נייע מאראל, די דיםציפלין פון זייערע רעליגיעזע פארפליכטונגען, זייער „נעשה ונשמע", האט פון זיי די ירושה שקלאפעריי מיט'ןווארצעל פון זייער הארצען ארויסגעריסען, און א געזונטען דור אויםגעבילדעט, וועלכער האט פארשטאנען די נויטווענדיגקייט פון צו ווערען א זעלבסשטענדיג פאליטיש פאלק, און דער דור איז טאקע אריין אין ארץ ישראל.

דורך דער תורה זיינען מיר אן „אתה בחרתנו" פאלק געווארען און דורך דער תורה האבען מיר די גאנצע וועלט פאר שונאים געקראגען.

אַ דאַנק „מתן תורה", די „עשרת הדברות" וועלכע מיר האָבען דער וועלט געגעבען און די וועלט האָט זיי אָנגענומען, — איז דער געפערלאַכער רעליגיעז-קנאה'דיגער אַנטיסעמיטיזם אויף דער וועלט געבאָרען געוואָרען.

די גאַנצע שנאה וואָס די קריסטען טראָגען צום אידען, איז אַ דאַנק דער רעליגיע, וועלכע מיר האָבען באַקומען אויפ'ן סיני, ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „הר סיני שממנו ירדה שנאה לישראל". פון דעם באַרג סני איז צו אונז דער אַנטי-סעמיטיזם געקומען.

די אידישע שונאים ווייסען גאַנץ גוט, אַז כל זמן מיר האַלטען זיך ביי אונזער טראַדיציע, און מיר טרעטען ניט אָפּ פון די „יסודות היהדות", איז דאָס אידישע פאָלק אַן אייביגקייט.

און זעהר ריכטיג איז דער מדרש, ווען ער זאָגט, אַז די תורה איז איינע פון די דריי מתנות, וועלכע גאָט האָט די אידען געגעבען דורך יסורים. מען דאַרף קענעןביישטיין דעם נסיון אויסצוהאַלטען די יסורים, די בזיונות, וועלכע די אידישע שונאים פאַרשאַפען דעם אידען פאַר וועלען בויען זיין עקזיסטענץ לויט די דירעקטיוועו פון תורת משה.

און צוליעב דעם נסיון דערמאָנען מיר טאַקע די עשרה הרוגי מלכות, וועלכע האָבען מקבל געווען די תורה דורך יסורים.

זיי האָבען נישט אויפגעגעבען די תורה דורך די יסורים, נאָר פאַרקערט, זיי האָבען איר מקבל געווען.

אַזוי דאַרפען אידען ליב האָבען די תורה און אַזוי דאַרפען זיי איר מקבל זיין.

ווען גאָט האָט אונז די מתנה אויפ'ן סיני געגעבען, האָט ער אין זינען געהאַט אַז ער גיט זיי אונז „שלא על מנת להחזיר", ווארום אַ „מתנה ע"מ להחזיר לא שמיה מתנה".

מיט דעם שיינקען אונז די תורה, האָט אונז גאָט פאַר אַן אויסנאַם געמאַכט, גאָט האָט אונז פאַר אַן אייביגקייט געמאַכט.

גאָט האָט געוואוסט אַז דורך דער תורה וועט דאָס פאָלק ישראל ניט אָפּשטאַרבען; מעג ער פאַרטריבען ווערען אין גלות, לעבען צווישען שונאים, כל זמן ער וועט זיך מפקיר זיין פאַר זיין אידעאַל, פאַר זיין עטישער מאָראַל, וועט ער אַ פאָלק זיין און צוריק אויף זיין אייגען לאַנד לעבען „קרקע אינה נגזלת“. קיין לאַנד קען ווערען אַוועקגערויבט. מעג אַ פאָלק טויזענטער יאָרען זיין פאַרוואָרפען פון זיין לאַנד, און ביי דער ערשטער געלעגענהייט קערט ער זיך צוריק צו איר אום.

און דאָס האָט געמיינט דער תו"כ מיט דעם „לא מאסתים ולא געלתים“. דער שונא האָט אונז פון אונזער היים פאַרטריבען דעם בית המקדש פאַרברענט, אָבער די תורה האָט ער פון אונזער האַרצען ניט געקענט אַוועקרויבען.

מה נשתיר להם? וואָס איז דען אַזוינס איבערגעבליבען די אידען? זה ספר תורה. דאָס הייליגסטע פון אַלעם הייליגסטע איז די אידען איבערגעבליבען געוואָרען.

אַ דאַנק די תורה, די קולטור אונזערע, האָבען מיר איצט דערגרייכט צו אונזער נאַציאָנאַלען שטאַלץ. מיר קערען זיך אום צו אונזער לאַנד, מיר זיינען לעבעדיגע עדות פאַר דער ציווי־ליזירטער וועלט אַז „קרקע אינה נגזלת“.

ניטאָ גאָר קיין כח אין דער וועלט וועלכער זאָל קענען דאָס פאָלק ישראל אומברייגגען.

יסורים — ווער שרעקט זיך עס פאַר יסורים?

„קבלת התורה“ מוז אָנקומען דורך יסורים. דאָס איז דאָך איינע פון דריי מתנות וועלכע גאָט האָט זיי אונז געגעבען דורך יסורים. אַנדערש קען מען דאָך דעם „ואהבת“ ניט מקיים זיין. שטאָלץ מעג זיין דאָס אידישע פאָלק מיט דעם געטלאַכען

געשאנק פון „מתן תורה" וועלכען ער האָט אונז פּרעזענטירט.

מיר זיינען דאָך אָן „אתה בחרתנו" פאָלק געוואָרען, אָן „והייתם לי סגולה מכל העמים" פאָלק געוואָרען.

„מתן תורה" איז ביים אידישען פאָלק פארוואַנדעלט געוואָרען אין אָן אייביגען פּראָצעס פון קבלת התורה. פון דער מינוט אָן ווען מיר האָבען אויף זיך גענומען די אחריות פון נעשה ונשמע, האָבען מיר נאָך נישט אויפגעהערט צו מקבל זיין. „לא ימיש ספר התורה הזה מפיך". אייביג מוזט דו שעפּען פון דעם מקור חיים, אייביג מקבל זיין די תורה און אין אירע וועגען גיין. ווען אַ פאָלק איז שטענדיג מקבל די תורה, ווערט ערצויגען אין דעם גייסט פון זיין קולטור, קען ער קיינמאָל נים ווערען אָפּגעריסען פון זיין שטאַם, קען קיינמאָל נים פאַרבלאָנדזשען צווישען פרעמדע.

אַ פאָלק וועלכער ליבט זיין תורה, זיינע קולטורעלע אוצרות, קען קיין שקלאַפען נים זיין. עס ווערט געבראַכט אין אבות פרק ו׳: „מכתב אלהים הוא חרות על הלחות"— אל תקרא „חרות", אלא „חרות", שאין לך בן-חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה. ווען אַ מענש איז אָפּגעריסען פון זיין קולטור, זאָרגט נים פאַר איר ענטוויקלונג, איז ער אַ שקלאַף.

און אַ דאַנק אונזער קענען אָפּשאַצען די אויסער געוויינליכע חשיבות פון דער מתנה, די געטלאַכע מתנה פון „מתן-תורה", און איר קענען מקבל זיין — זיינען מיר צוגעקומען איצט צו דער פרייהייט-עפּאָכע, צו דעם צוריק-מאַרש פון גלות און צו דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל.

תשעה באב.

אָמר אביי: אין משיח בא אלא בתשעה באב, לפי שקבעוהו אבל בזמן הזה, ועתיד לפני הקדוש ברוך הוא לעשותו יום טוב, שנאמר: „והפכתי אבלם לששון“ וגו׳. (פסיק׳).

„גלתה יהודה“ — אומות העולם אינם גולים? אלא אף על פי שגולים אין גלותם גלות, אבל ישראל, שאין אוכלים מפתם ואין שותים מיינם, גלותם גלות. (איכ״ר).

„היתה כאַלמנה“ — אָמר רב יהודה: לברכה, „כאַלמנה“ ולא אלמנה ממש, אלא כאשה שהלך בעלה למדינת הים ודעתו לחזור עליו. (תענית, כ׳).

דער נײַנטער טאָג אין אב, איז דער שוואַרצסטער טאָג אין דער אידישער היסטאָריע. אין דעם טאָג זײַנען מיר אַ וואַנדער פאָלק געוואָרען. אין דעם טאָג איז פון אונז דער נאַצ־יאָנאַלער פאָליטישער שטאַנד אַוועקגערויבט געוואָרען. אין דעם טאָג זיצען מיר אויף דער ערד ווי אבלים און מיר קלאָגען אויף „חורבן בית המקדש“.

תשעה באב וועלכער איז אונזער גרעסטער טרויער טאָג— וועט אין אַ גרויסען יום טוב פערוואַנדעלט ווערען. משיח וועט אין דעם טאָג קומען און די אידען די געטלאַכע גאולה־דעק־לעראַציע ברײַנגען. אין דעם טאָג ווען ארץ ישראל איז חרוב געוואָרען, ווען דער בית המקדש, דאָס האַרץ און נשמה פון דעם אידישען קיום, איז אין פלאַמען געשטאַנען איז משיח געבאָרען געוואָרען. דער ציוניזם איז דאַן אויף דער וועלט געקומען מיט זײַן גאַנצען קראַפט און גלויבען, און האָט אויף אַ מינוט די אידען אין גלות אין ארץ ישראל ניט געלאָזען פאַרגעסען.

דורך דעם פּראָקלאַמירען תשעה באב אַלס אַ נאַציאָנאַלען טרויער טאָג, איז משיח, די נשמה פון ציוניזם געוואָרען משיח וועט די פולע גאולה צו אונז תשעה באב ברייגנען, ווייל דורך די תשעה-באב׳ס האָט זיך דער משיח׳איזם אין אונז ענטוויקעלט. מיר האָבען דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה אין ציוניזם. נישט נאָר מיר האָבען אָנגעהייבען ליב צו קריגען און וועלען ארץ ישראל, ניט נאָר מיר האָבען איבערגעשטיגען הרצל׳ס וואונש פון דעם „אם תרצו אין זו אגדה“ — נאָר מיר האָבען שוין אָנגעהייבען פיינט צו קריגען דעם גלות און אים ניט וועלען. מיר האָבען זיך קוים ערשט ארומגעזעהן אַז די אַלע צרות און גזרות וועלכע האָבען די לעצטע יאָרען געטראָפען רק דעם אידען, זיינען אַ דאַנק דעם וואָס מיר האָבען געגליכען דעם גלות, און זיך באַמיהט צו אַסימילירען זיך, פאַרלייקענען דעם שטאַם. צו שעמען זיך מיט׳ן אייגענעם שטאַם, איז די שענדלאַכסטע זינד ביי אַ נאַציאָן. פאַר דער זינד איז משה רבנו ניט, נאָר פאַר זיין לעבען ניט געווען אין ארץ ישראל, נאָר זיינע ביינער האָבען אפילו ניט זוכה געווען צו ווערען באַהאַלטען אין א״י.

דער מדרש (דב״ר פ״ב) דערציילט אונז אַז משה האָט געזאָגט צו רבונו של עולם: יוסף׳ס ביינער זיינען אָנגעקומען אין ארץ ישראל און מיינע וועלען ניט אָנקומען? האָט אים דער רבונו של עולם געענטפערט: „מי שהודה בארצו“, יוסף וואָס האָט ניט פאַרלייקענט זיין נאַציאָן און לאַנד און האָט פאַר אַלעמען ערקלערט אַז גנב גנבתי מארץ העברים, וועט יאָ אָנקומען אין זיין לאַנד. „ומי שלא הודה בארצו אינו נקבר בארצו“. און דו משה אַז דו האָסט געהערט ווי יתרו׳ס טעכטער זאָגען אין דיין געגענוואַרט אויף דיר „איש מצרי הצילנו“ און האָסט געשוויגען, וועסטו אין ארץ ישראל ניט אָנקומען.

מיר האָבען ערשט אָנגעהייבען צו רעאַליזירען דעם גלתה יהודה, וועלכער איז דער מקור פון אַלע רשעות און גרויזאַמע גזרות. אַט ערשט זעהען מיר ווייל מיר זיינען אָפּגעריסען געוואָרען פון אונזער ערד, פון אונזער ווײַן גאָרטען, און מער עסען ניט פון אונזער אייגען ברויט און טרינקען ניט פון אונזער אייגענעם וויין, איז אונזער גלות א גלות.

זאָגען דען ניט אונזערע שונאים אַז דער איד וויל ניט אַרבייטען און מאַכט אַ לעבען פון ווינד און שווינדעל?

און וואָס מיר פּראָגרעסירען מערער אין דער פרייער אַמעריקע, וואָס מיר פילען אָן מער די אַמעריקאַנער אוניווער־סיטעטען מיט אונזערע אידישע סטודענטען, אַלץ שטאַרקער וואַקסט צו אונז די שנאה, אַלץ בולט׳ער ווערט דער אַנטי־סעמיטיזם, אַלץ אייִנגער און שטיקענדער ווערט פאַר אונז די אַטמאָספערע, און דער „גלתה יהודה“ הייבט אָן צו ווערען פאַר אונז מער פאַרשטענדלאַכער, מיר פאַנגען אָן צו פילען אַז דער גלות איז אַ גלות.

תשעה באב איז דער טאָג וואָס דער ציוניזם וועט דערגריי־כען צו דעם משיח פון זיין אידעאַל, צו דער פאַרקערפּערונג פון זיינע שטרעבונגען. אין דעם טאָג מוזען מיר ניט,נאָר ליבע אַרוים־ווייזען צו אונזער לאַנד, נאָר אַדורכגעדרונגען ווערען מיט דעם גייסט פון דעם טראַגישען „איכה“, וועלכער דער אונשטערבלאַ־כער נביא׳שער ירמיה, האָט איר פאַר דעם „שומר ישראל“ גע־מאַכט. מיר מוזען דערשפירען די „חבלי הגלות“ און אים פאַר־האַסען. מיר מוזען פאַרלאָזען דעם גלות, וועלכער באַמיהט זיך צו ווער׳ען פאַר אונז אַ כראָנאָלאָגיע, אָן אייביגקייט.

דער „עלה רש את הארץ“ און דער „והתנחלתם“, מוזען ווערען די לאָזונג אונזערע אין גלות, און לאָמיר ווייזען אונזערע שונאים אַז מיר עסען פון אייגענעם ברויט און טרינקען פון דעם אייגענעם וויין.

מיר זיינען דאָך געגליכען צו אַן „אלמנה" וואָס איר מאַן איז אַוועק למדינת הים, און דענקט זיך אומצוקערען צו איר.

וויפיעל איז דער שיעור צו זיין צושייד? מיר מוזען זיך אומקערען צו ציון וועלכע ביינקט און שמאַכט אַזוי נאָך אונז.

און דאָס מוז געשען אין דעם ניינטען טאָג פון אב. קיין בעסערע התעוררות-הנפש, קיין גרעסערע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע ווי תשעה באב מיט זיין איכה — קען אונז קיינער ניט געבען.

אייביג אין זכרון וועט אונז בלייבען דער שוואַרצער פורעניות'דיגער תשעה באב, אויך אייביג וועט בלייבען אין אונזער זכרון דער וויים-בלויער תשעה באב, דער ציוניסטישער, דער משיח'שער.

וואָס אַ לערער דאַרף קענען אין אַמעריקע.

יפקוד ד׳ אלהי הרוחות לכל בשר איש על העדה: אשר יצא ואשר יבא לפניהם, אשר יוציאם ואשר יביאם, ולא תהיה עדת ד׳ כצאן אשר אין להם רועה. (במדבר, כ״ז).

ויבא משה ואהרן אל אהל מועד ויצאו ויברכו את העם וירא כבוד ד׳ אל כל העם (שמיני, ט׳). פירש רש״י: לפי שכל ז׳ ימי המלואים שהעמידו משה למשכן ושמש בו ופרקו בכל יום לא שרתה בו שכינה, והיו ישראל נכלמים ואומרים למשה: משה רבנו, כל הטורח שטרחנו שתשרה שכינה בינינו — לכך אמר להם זה הדבר אשר צוה ה׳ תעשו וירא אליכם כבוד ד׳, אהרן אחי כדאי וחשוב ממני. וכו׳.

איידער איך בין געקומען אין אַמעריקע, האָב איך געוואוסט אַז אַ העברעאישער לערער דאַרף קענען גרינדליך די העברעאישע שפּראַך, וויסען די העברעאישע ליטעראַטור, קענען גוט די אידישע געשיכטע, די אגדות, תלמוד, פאַרשטיין און בעאָבאַכטען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם קינד.

כ׳האָב געוואוסט אַז אויסער דעם וואָס אַ העברעאישער לערער דאַרף זיין אַ גוטער פּעדאַגאָג, מוז ער זיין ערצויגען אין דעם גייסט פון דער אידישער טראַדיציע, רעליגיאָן און נאַציאָנאַליזם.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז אַ העברעאישער לערער דאַרף זיך אין קאַמף וואַרפען פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און מוז אימער זיין אַקטיוו אין דער ציוניסטישער פאָלקס-באַוועגונג.

איך האָב געוואוסט אַז אַ העברעאישער לערער דאַרף זיין אַ גרויסער אידעאַליסט, און דאַרף אָנפירען מיט דער נאַציאָנאַלער קולטורעלער אַרבייט וואו ער זאָל ניט זיין. אַ שטענדיגער

לערער און ערציהער האָט אין מיין געדאַנק אויסגעזעהן די נשמה פון אַ העברעאישען לערער.

נאָר אַז איך בין געקומען אין דער גרויסער אַמעריקע און איך בין אַריינגעפאַלען אין דער הפקר׳דיגער „חנוך וועלטעל — האָב איך זיך ערשט דערוואוסט וואָס פאַר אַן עם הארץ איך בין געוועזן, ווי ווייט איך בין געוועזן בלינד און ניט געוואוסט וואָס עס דאַרפען זיין די ידיעות פון אַ העברעאישען לערער. עס האָבען זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אַזעלכע טרויעריגע סודות, אַזעלכע שרעקלאַכע סצענעס, אַז ביז היינטיגען טאָג וואַרפען זיי אויף מיר אַ שרעק, אַ מעלאַנכאָליע.

עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרען אַז דער טיפּ לערער, וועלכער האָט פאַר מיר עקזיסטירט איידער איך בין געקומען אין אַמעריקע — איז גאָר אין גאַנצען ניטאָ אין אַמעריקע.

דאָ אין אַמעריקע דאַרף אַ לערער זיין אַ חזן, אַ רב, אַ שוחט, אַ בוטשער, אַ בעל קריאה, אַ בעל תקיעה, אַ מוהל, אַ שמש, אַ רעדנער, אַ קאָלעקטאָר און קענען לערנען מיט קינדער אין אַלע דריי שיטות.

לערעריי אין אַמעריקע איז געוואָרען אַ „פּילגש“, אַזאַ קליינע ניט חשוב׳ע אייגענשאַפט וואָס יעטווידער קהל׳שער מאַן דאַרף דאָ באַזיצען. איך בין דערגאַנגען אַז אַ העברעאישער לערער דאַרף גאָר קיין פּעדאַגאָג ניט זיין, און דאַרף גאָר קיין העברעאיש ניט וויסען.

מעג אַ לערער קענען העברעאיש און תלמוד ווי משה רבנו, און ווי באַלד ער קען קיין ענגליש ניט, קען קיין מפטיר ניט זינגען מיט קינדער, און קען חלילה קיין ענגלישע דרשה ניט אויסלערנען אַ קינד, קען ער קיינמאָל קיין לערער ניט ווערען.

אַ שטאָט, אַ קהלה, וואָס זאָל זוכען פאַר איר תלמוד תורה אַ מאָדערנעם לערער, אַ ערציער, איז געוואָרען אַ יקר המציאות אין אַמעריקע.

אַט וואָס באַדייטענדע גרויסע אידישע קהלות אין אַמעריקע זוכען:

די שערי צדק שול אין... זוכט אַזערשט קלאַסיגען חזן, שוחט, מוהל בקוב"ת וועלכער זאָל אויך קענען לערנען מיט קינדער און אנגיין מיט אַ סאַנדעי סקול. זיך מעלדען צו פּרעזידע:ט פון שול...

חברה אהבת אחים אנשי ספרד, פאַרלאַנגט אַ שו"ב, מוז זיין אַ גוטער בעל תפלה און קורא אויך לערער און לעקטשורער. דער יעניגער וואָס דיינקט ער קען פאַרנעמען די שטעלע זאָל זיך מעלדען שריפטליך צום סעקרעטער און ביילייגען אַ פּיקטשור.

כנסת ישראל פון... פאַרלאַנגט אַ חזן, שו"ב, קורא, מוהל, מסדר קדושין און טיטשער. זי־ מעלדען שריפטליך צום פּרעזידענט...

קאָננ. אנשי אמת זוכט א חזן, שו"ב גוטער לעקטשורער אין אידיש און אין ענגליש, קורא, תוקע, מוהל, מסדר קדושין און לערער עברית בעברית און עברית באנגלית. גוטע סאַלערי צום מאַן וואָס באַזיצט די אויבענדערמאַנטע מעלות.

צענדליגער מודעות אַזעלכע קענט איר באַגעגענען אַלע טאָג אין דעם אידישען טאַגעבלאַט.

דער זוכעניש און יאָגעניש נאָך אַזעלכע כל בו'ניקעס, איז געקומען אַ דאַנק די כפל שמונה'דיגע אַדווערטייזמענטס:

שוחט עקספּריענס מיט קבלה פון די גאוני א"י ואמעריקע, היברו טיטשער, עברית בעברית ובאידית בע"ת, בע"ק ומטיף מצוין זוכט פּאָזישאָן, סיטי אָדער קאַונטרי, שרייבט צו....

חזן, שו"ב, טיטשער, מאָדערנער מוזיקאַלישער חזן, מיט פּראַכטפולער טענאָר שטימע, עכט אידישער זאַגער, שו"ב מומחה, ערשטע קלאַסע עברית

בעברית טיטשער, סאַנדעי סקול אָרגאַניזער, פער־לאַנגט אַ שטעלע, סיטי אָדער קאַונטרי, וועט קומען פאַר פּראָבע. אַדרעסירט טאַגעבלאַט באָקס....

קאָנגרעגיישאָנס אוימערקזאַם!

שוחט ובודק, מוהל, בעל תפלה, בע״ק, בע״ת, טיטשער עברית באנגלית ובאידית, גוטער ריידנער אין אידיש און אין ענגליש, שיינער אויסזעהען, הויך געוואַקסען, וועגט 160 פונט זוכט באַלדיגען פּאָזישאַן. שרייבט צו....

שוחט עופות, בעל תפלה, שמש, קורא, עקספּי־ריענס טיטשער, זוכט שטעלע, סיטי אָדער קאַונטרי שרייבט טאַגעבלאַ באָקס...

שוחט און בוטשער, גוטער בעל תפלה, קען לער־נען מיט קינדער, זוכט אַ שטעלע צו מאַכען אַ לעבען פאַרהייראַט, מיטעלע יאָרען, אַ ליטווישער, שרייבט צו...

דעריבער איז דער אידישער חנוך אין אַמעריקע אַזוי ני־דעריג און שפל. דעריבער זיינען אונזערע קינדערלאַך אַזוי ווייט פון דעם נאַציאָנאַלען גייסט און פון די קלענסטע ידיעות פון דער אידישער היסטאָריע. אַ דור פון „עצמות יבשות״, פון טויטע, טרוקענע, אומוויסענדע, ווערען ערצויגען דורך אונזערע כלומר׳שטע איבערגעגעבענע לידערס, די מנהיגים וועלכע רעפּ־רעזענטירען כלומר׳שט די אידישע רעליגיאָן און דינען אַזוי ערנסט דעם קהל.

ווי ערלויבט איר זיך גאָר חזנים, שוחטים, רעדנער, אַריינ־צונעמען דעם חנוך אין אייערע הענט און מאַכען פון אים אַ ביזנעס, אַ מין „מי שברך״ הכנסה, אין דער צייט ווען איר האָט אפילו אַ מינוט פון אייער לעבען אויף דעם געביט נישט געשיינקט?

פון וואַנען נעמט זיך דאָס אין אייך אָט די „מתנת אלהים״ צו זיין אַ כל בו׳ניק, צו קענען זיין אַ גוטער חזן, אַ פיינער

שוחט, אַ זיסער בעל קריאה, אַ פלינקער מוהל, אַ געשמאַקער רעדנער און אַן איבערגעגעבענער פעדאַגאָג?

אַ דאַנק אייער פאַלשער היפאָקריטישער דינסט צו אייערע בלינדע פאַרנאַרטע קהלות, איז דער אידישער חנוך אין אַמעריקע געוואָרען אַ שטיקעל „נשמת" אַ קדיש, אַ מפטיר און אַ גע־גנב'עטער ספיטש פון דעם „אידיש אַמעריקאַנער רעדנער" פון פראָפעסאָר זעליקאָוויץ.

מי גדול כמשה? ווער איז נאָך העכער און חשוב'ער פון משה רבנו? פונדעסטוועגען זעהען מיר, אַז ווען משה האָט געוואָלט פאַרנעמען דעם אַמט פון אַ אהרן, האָט זיך פון אים אָפגעטאָן די שכינה.

משה קען זיך זיין אַ לידער, דער גרעסטער אידישער מנהיג, אָבער מקריב זיין קרבנות איז די ארבייט פון זיין ברודער אהרן.

ווי רשי שרייבט: אַז אין די „שבעת ימי המלואים" וואָס משה האָט אויפגעשטעלט דעם משכן און האָט מקריב געווען קרבנות, האָט די שכינה ניט גערוהט אין משכן.

און אַז די אידען האָבען זיך פערשעמט מיט דעם וואָס די שכינה רוהט ניט צווישען זיי, און האָבען זיך פאַר משה'ן באַ־קלאָגט אַז גאָט האָט זיי ניט מוחל געווען די זינד פון דעם „עגל" — האָט זיי דאַן משה געזאָגט: אַז אהרן וועט מקריב זיין די קרבנות, וועט זיך דאַן באַווייזען צו אייך די שכינה. ווייל אהרן איז חשוב'ער פון מיר און דורך דעם וועט איר וויסען און פאַרשטיין אַז גאָט האָט אהרן'ען פאַר אַ כהן גדול אויס־דערוויילט און ניט מיר.

און איהר ווילט זיך אַלץ, אַ משה און אַ אהרן, זיין אַ לידער דער פאָרשטעהער פון דער קהלה, דער שוחט, דער חזן און אויך דער לערער? אויף אַזאַ „חנוך" וואָס ווערט צוגענומען פון

אהרן׳ען רוהט ניט די „שכינה“, אפילו ווען דער צונעמער זאָל זיין אַ משה רבנו.

און דאָס האָט פאַראויסגעזעהן משה רבנו און האָט זיך געבעטען ביי גאָט: „יפקד ד׳ הרוחות לכל בשר איש על העדה“. דו ווייסט דאָך גאָט דעם גייסט און געדאַנק פון יעדען מענשען, בעט איך דיר אַזאַ דו זאָלסט אויסקלייבען — איש על העדה — אַ מאַן! אַ מענשען מיט אַ געוויסען, מיט אַ געפיהל פון אחריות און איבערגעבענהייט. „אשר, יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם“ וועלעכר זאָל זיין זייער לידער, זייער קעמפער און אַרויסגיין צוזאַמען מיט זיין פאָלק אין מלחמה און קומען צוריק צוזאַמען — ווארום אויב דער לידער וועט זיך אויסקויפען פון די אַלע מלחמות און קאַמפען, דאַן וועט דאָס הייסען „כצאן אשר אין להם רועה“ ווי שעפסען וועלכע האָבען גאָר קיין פאַסטוך ניט, ווי דאָס פאָלק האָט גאָר אין גאַנצען קיין לידער, קיין מנהיג ניט. אויף וואָס משה האָט מורא געהאַט און האָט אַזוי פיעל גאָט געבעטען, זיינען מיר געשטראָפט געוואָרען.

מיר האָבען אין אַמעריקע פיעל אידישע לידער וועלכע שטייען אין דער שפיץ פון גרויסע אידישע קהלות, און זיי זיינען אין דער תכינה פון „כצאן אשר אין להם רועה“.

און כל זמן די משה׳ס וועלען זוכען צו פארנעמען די שטע־לעס פון די אהרן׳ס — וועט ניט נאָר דער חנוך זיך געפינען אין אַ ווילדען כאַאָטישען צושטאַנד, נאָר דער גאַנצער רעליג־יעזער אויטאָריטעט וועט זיין אַ שטיק הפקר.

דער חנוך מוז איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון ניט קיין כל בוניקעס לערער, לערער וואָס זייער השלמה איז וואָס זיי זיינען לערער און ווייטער גאָר ניט — דאַן וועט ער־צויגען ווערען אַ דור וואָס וועט זיין אַ כבוד, אַ צירונג פאַר דאָס פאָלק ישראל.

דער חנוך אין אַמעריקע.

ת"ר כשחלה רבי אליעזר נכנסו תלמידיו לבקרו. אָמרו לו: ילמדנו רבנו אורחות חיי עולם הבא. אָמר להם: השיבו בניכם בין ברכי תלמידי חכמים. (ברכות ת"ח).

איידער מיר ווילען צוגיין צו דער חנוך-פראַגע אין אַמעריקע, וואָס יעדער איד, יעדער פאָטער דאַרף זיין אַזוי ערנסט פאַראינטערעסירט, ווילען מיר פריהער דערציילען אַ משל, וועלכער האָט זייער אַ נאָענטען שייכות צו אונזער איצטיגען וכוח.

„אַ רייכער מאַן אַ מיליאָנער, איז אַמאָל געפאָרען זיך זען מיט זיינער אַן אָרימער שוועסטער, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער קליינער שטעטעל אַרום קאָוונע. ווי דער שטייגער איז, האָט ער פריהער געלאָזען וויסען זיין שוועסטער, אַז אין דעם און דעם טאָג קומט ער צופאָרען איר זען מיט זיין אייגענער קאַרעטע. געוויינטליך, איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה ביי דער אָרעמער שוועסטער, און זי האָט זיך גענומען מכין זיין: באַקען, קאָכען, פרעגלען, וואַשען, צוצוגרייטען אַלץ אין בעסטען אָרדנונג, כדי איר רייכער ברודער, זאָל חלילה ניט פאַרשעמט ווערען. זי האָט אירע ביזנעס פאַרנאַכלעסיגט, אירע אייגענע קינדערלאַך אויף הפקר געלאָזען, רק פאַרנומען געווען מיט דער הויז און מיט דער קיך. ערשט נאָך אַלעמען, נאָך דעם ווי איר רייכער ברודער האָט שוין געהאַט אַוועקגעפאָרען, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז דוד'ל איז אויסגעבלייכט געוואָרען, חוה'לע איז אַרומגעריסען געוואָרען און אַז זעלדעלע האָט שוין צוויי וואָכען איר קעפעלע ניט געוואַשען.

באַגייען מיר דען ניט די זעלבע עולה, אַנטקעגען אונזערע קינדערלאַך? מיר טאַנצען אויף אַלע חתונות, נעמען אַנטייל אין אַלע נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען, נאַר ניט אין דער גרעס־טער, נאַר ניט אין דאָס עכסטע פו זאלע עכסטע, הפקר, פאַרלאָ־זען, איז דער חנוך פון אונזערע קינדערלאַך אין דער רייכער אַמעריקע, וואו מיר קענען דערגרייכען צו דער בעסטער אידי־שער ערציהונג. נעבאך אויסגעבלייכט געוואָרען זיינען אונזערע קינדערלאַך, אַ טראָפּען נאַציאָנאַלע בלוט אין זייערע הערצעלאַך ניטאָ. אַ פאַרנעבעלטע נשמה נעבאך, גרויזאם און אכזריות׳דיג איז די זינד, וואָס מיר עלטערן באַגייען צו אונזערע אומשולדיגע קינדערלאַך.

אין קיין לאַנד אויף דער וועלט איז דער אידישער חנוך אין אַזאַ נידערלאַגע ווי אין אַמעריקע.

דער גרעסטער טייל באַציט זיך צום חנוך מיט׳ן גרעסטען בטול און שפל׳קייט. שיקען אַ מיידעל לערנען היברו, זיך באַ־קענען מיט דער אידישער היסטאָריע, מיט דער העברעאישער ליטעראַטור, מיט דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל איז דאָך אַן איבעריגע זאַך. כ׳ווייס, אַ מיידעל, דאַרף זיך לערנען פיאַנע שפּילען, מוז קענען גוט טאַנצען טשאַרלסטאָן, אָבער ניט גיין פטר׳ן צייט אין היברו סקול.

מילא, אַ באָי, קען מען זיך דאָך ניט העלפען, ער דאַרף דאָך קענען מפטיר, נו, מוז דאָך אים שיקען אין סקול.

נו, פאַרשטייען מיר דאָך שוין וואָס פאַר אַ האָפנונג דאָס פאָלק ישראל קען לייגען אויף די מפטיר־אידעאַליסטען, און וואָס פאַר אַ ליכטיגער געזונטער דור עס קען אויסוואקסען פון אַזעלכע גראָבע יונגע רחמנא לצלן.

און דעם גרויסען נחת וואָס מיר קענען דערלעבען אפילו פון די קינדער, וועלכע זייערע עלטערן שיקען זיי אין די „לצאת

ידי חובתם" סקולס, און פוילען דאָרט אָפּ 5—6 יאָהר. — אויף „שונאי ציון" געזען געוואָרען.

פּאַראינטערעסירען זיך דען די עלטערן צו וויסען ווער עס זיינען די ערציער פון זייערע קינדרלאך, און מיט וואָס פאַר אַ גייסטיגער שפּייז מען דערנערט זיי? ווייסען דען זייערע עלטערן אַז זייערע קינדער טראָגען אַרויס פון סקול מער ניט ווי אַן אָרעמע ביסעל עברי, אין אַן אויטאָמאַטישען לעבעדיגען קדיש?

האָבען דען זייערע קינדער דורכגעגאַנגען תורה נביאים וכתובים? ווייסען דען זייערע קינדער פון דער אידישער היס־טאָריע, פון די גרויסע אידישע פּערזענליכקייטען וועלכע האָבען אונז באַלויכטען אין אונזער פינסטערען גלות?

ווייסען דען זייערע קינדערלאַך פון דער הייליגער אַרבעט פון ציוניזם? ווייסען דען זיי עפּעס פון די חלוצים, וועגען דער בויענדער ארץ ישראל?

נו, וועט ניט פאַר'יתום'ט ווערען דער רוף פון דער מוטער ציון, ווען זי וועט זיך צו אַזעלכע קינדער ווענדען?

נו, שטאַרבט ניט אָפּ פון אונז אַ קראַפט, וועלכער מיר וועלען מוזען באַצאָלען פאַר דעם פריצייטיגען טויט?

אַט פאַר אַזאַ יהדות־אָפּשטאַרבונג, האָבען זיך געשראָקען די גרויסע תלמוד'יסטען, די תלמידים פון ר' אליעזר.

די גמרא דערצעהלט, אַז ווען רבי אליעזר, דער גרעסטער תנא, איז קראַנק געוואָרען, זיינען זיינע תלמידים אים געקומען מבקר חולה זיין. ווען זיי האָבען אַ קוק געגעבען, אַז דער תלמודישער פּראָזעקטאָר גוסס'ט, האָבען די תלמידים געפרעגט זייערע רבי'ן: רבי דערציייל אונז, לערן אונז די וועגען וועלכע פירען צו דער אייביגקייט פון יהדות און לאומיות. די וועגען פון אַ נאַציאָנאַלער אייביגקייט, פון אַ נאַציאָנאַלן עקזיסטענץ.

צוזאַמען מיט זיין הייליגער נשמה זיינען אויך פון אים אַרויס אַט די פערעלדיגע ווערטער: איר זאָלט אייערע קינדער צו תלמידי חכמים איבערגעבען. יע, אַט אין דעם וועג מוזען מיר נעמען געהן. אַט די וועג וועט דעם מלאך המות פון אונזערע קינדער פאַרטרייבען.

אַט די וועג וועט אונז די גאולה ברייגנען, דעם גלות פאַר־קירצען.

מיר מוזען אונזערע קינדער שיקען נאָר אין די חנוך׳שע אַנשטאַלטען, וואו די ערציער, די פּעדאַגאָגען זיינען אידעאַליס־טען, אידען, וועלכע זיינען שטענדיג גרייט צו אָפּפערען מיט זייער מסירות נפש, פאַר דער אויפלעבונג פון אונזער הייליגער שפּראַך, די שפּראַך פון די נביאים, און פאַר די אויפלעבונג פון אונזער לאַנד. מיר מוזען אונזערע קינדער שיקען אין די סקולס, וואו דאָס העברעאישע, נאַציאָנאַלע, חלוצישע ערציאונג, איז די נשמה, דאָס וועזען פון סקול. און אַזעלכע סקולס האָבען מיר אַ סך. צו לערער ציוניסטען, מוזען מיר די קינדער שיקען. צו לערער וועלכע טראָגען אַ חלוצ׳ישע ליבע צו ארץ ישראל אין זייער האַרצען. צו לערער וועלכע באַזיצען אין זיך דעם גרעסטען רעספּעקט צו דער אידישער רעליגיע,, דאַרפען מיר אונזערע קינדער אָנפאַרטרויען.

דאַן קענען מיר זיכער זיין אין אונזער אייביגען נאַציאָנאַ־לען עקזיסטענץ. דאַן מעגען מיר זיכער האָפען אַז אַ דור פון גדעון׳ס און יפתח׳ס, אַ דור פון העלדישע חלוצים, אַדור פון חשמונאים וועט אין דער נאָענטער צוקונפט אויפשטיין, וועל־כער וועט די גרעסטע קרבנות פאַר זיין פאָטערלאַנד ברייגנגען. לאָמיר גוט געדיינקען, אַז דער גורל פון אונזער צוקונפט, פון אונזער קיום, ליגט אין אונזערע הענט.

לאָמיר פאַרווירקליכען די עצה פון דעם גרויסען אונשטער־בליכען ר׳ אליעזער, און איבערגעבען אונזערע קינדער צו די אמת׳ע תלמידי חכמים, צו די אמת׳ע נאַציאָנאַלע לערער, וועלכע דער חנוך גייט ביי זיי האַנד ביי האַנד מיט דעם אַל אחד, שפה אחת און ארץ אחת. מיר מוזען אונזערע קינדער פאַר גוטע אידען מאַכען, פאַר גוטע ציוניסטען און חלוצים צוגרייטען. לאָמיר דאָס גוט געדיינקען!

עברית בעברית.

אָמר ר׳ יוסי בן עקיבא: „לדבר בם״ — מכאן אָמרו: כשהתינוק מתחיל לדבר, אָביו מדבר עמו לשון־הקודש ומלמדו תורה. ואם אין מדבר עמו לשון הקודש ומלמדו תורה, ראוי לו כאילו קוברו, שנאמר: ולמדתם אתם את בניכם... „למען ירבו ימיכם וימי בניכם״; ואם לא — יקצרון ימיכם וימי בניכם, שכך דברי תורה נדרשים — מכלל לאו — הן, ומכלל הן — לאו. (ספרי, עקב).

אָמר לו ריש לקיש לר׳ יהודה נשיאה: כך מקובלני מאבותי, ויש אומרים מאבותיך, כל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן מחריבין אותה. (שבת, קי״ט).

אָמר רב המנונא: לא חרבה ירושלים אלא בשביל שבטלו בה תינוקות של בית רבן, שנאמר: „שפוך על עולל בחוץ״. מה טעם שפוך? משום שעולל בחוץ ולא בבית הרב. (שם).

די וויכטיגסטע פעדים, וואָס בינדען און קניפּען צונויף אין איינעם די פערשידענע צוברעקעלטע טיילען פון אַ פּאָלק און מאַכען פון די פיעלע אינדיווידומס עפּעס איין גאַנצעס, איין קערפּערשאַפט מיט אַ געזונטען נאַציאָנאַלען גייסט און געפיל, איז פון תמיד אָן געוועזן די שפּראַך.

ווען די אידען האָבען זיך אומגעקערט פון בבל, האָבען זיי זייער גוט פאַרשטאַנען אַז דאָס ערשטע מוזען זיי צוריק די העברעאישע שפּראַך באַהערשען, די שפּראַך פון די „עשרת הדברות״ און דעם נביא, וועלכער האָט זיי אויף דער שפּראַך שטענדיג דעם גלות־צוקונפט פאַראויסגעזאָגט, אַלס די פרוכט פון זייער אַסימילאַציאָן, פון זייער דערוויטערען זיך פון דער אידישער טראַדיציע. ווען נחמיה, איז געקומען קיין ירושלים, און האָט אַ קוק געגעבען ווי דער יונגער עלעמענט האָט זיך

דערוויייטערט פון דער העברעאישער שפּראַך און העברעאישער אַטמאָספערע, האָט ער גלייך גענומען באַקעמפן אַט די פרעמדע סביבה, וועלכע קען צוברעקלען דעם קיום, דאָס גאַנצקייט פון פאָלק.

נחמיה איז אַנטקעגן זיי מיט די שטאַרקסטע רייד און קללות אַרויס, אום כדי אין צייט די פאָלקס-סכנה באַזייטיגען.

„גם בימים ההם ראיתי את היהודים הישיבו נשים אשדודיות, עמוניות, מואביות, ובניהם — חצי מדבר אשדודית ואינם מכירים לדבר יהודית וכלשון עם ועם — ואריב עמם ואקללם".

די אידען האָבען דאַן די רעליגיאָן פון זיך אַראָפּגעוואָרפען און האָבען געהייראַט פרויען פון פרעמדע פעלקער און אויף זייער שפּראַך די קינדער ערצויגען, נחמיה האָט ניט גערוט, אין גאַנצען זיך אין קאַמף אַריינגעוואָרפען, און די יוגענד צוריק פאַר א אידישע געמאַכט.

אין אַלע תקיפות פון פאָלק ישראל'ס עקזיסטענץ אין גלות און אין ארץ ישראל האָבען זיינע נביאים מיט דער שפּראַך פון דער תורה פאַראויסגעגאַנגען. די שפּראַך איז די נשמה פון אַ פאָלק, שטאַרבט אָפּ די שפּראַך, שטאַרבט אויך אָפּ דאָס פאָלק.

ווען די אידען זיינען אַרויספ ון מצרים האָבען זיי די לאַנד פון אברהם ניט געקענט עראָבערען, ביז וואַנען זיי האָבען אַ שפּראַך, אַ תורה באַקומען. קבלת התורה איז געווען פריער ווי כבוש הארץ.

די שפּראַך האָט זיי פאַר אַ פאָלק געמאַכט און ניט דאָס לאַנד. ווען מיר וואָלטען היינט אַ נחמיה געהאַט וואָלט ער דאָך אויף אונז די גאַנצע תוכחה אויסגעגאָסען. אונזערע קינדערלאַך ווערען דאָך אין פרעמדע שפּראַכען ערצויגען, וואו די שפּראַך פון נביא, די תורה, ארץ ישראל איז אַזוי איינפאַך, אַזוי וואָכעדיג. מיר האָבען דאָך אונזער משה פאַר אַ מאָזעס אויסגעביטען.

אונזערע אַלע היסטאָרישע גדולים קוקען דאָך אַזוי קליין אויס, און זיי ווערען דאָך אַזוי נידעריג אָפּגעשאצט פון אונזערע קינדערלאַך, ווייל עס פעלט אין זיי די קדושה, דער לשון הקדש.

מיר מוזען אונזערע קינדערלאך געבען אן עברית בעברית־דיגע ערציאונג, ניט נאָר ווייל די שפּראַך וועט זיי פאַר נאַציאָנאַ־לע אידען מאַכען, ווייל די העברעאישע שפּראַך איז דער שליסעל צו די הייליגע שריפטען, וואָס זיינען אַלע פערפאַסט אין דער שפּראַך, — נאָר ווייל די עברית בעברית מעטאָדע איז די לייכטסטע און ערפאָלגרייכסטע פאַר דאָס קינד. און דאָס האָט דער ספרי געמיינט מיט זיין דערקלערונג אַז ווען דער פאָטער זעט ניט אַז זיין קינד זאָל ריידען העברעאיש און לערנען די תורה אין דער העברעאישער שפּראַך, איז גלייך ווי ער וואָלט אים באַגראָבען. אַ קינד וואָס לערנט די תורה, די היסטאָריע, די טראַדיציע, אין אַ פרעמדער שפּראַך — איז ער געשטאָרבען פאַר זיין פאָלק, ווייל ער קאָן ניט זיין פאָלק, ער פילט ניט זיין פאָלק, און דער קיום פון פאָלק דורך אַזאַ קאַלטער און פרעמדער ערציאונג, איז געוויס אויף קיצור ימים.

אָבער דער פאָטער וואָס זאָרגט אַז זיין קינד זאָל יאָ ריידען און לערנען עברית בעברית, איז דער קיום פון פאָלק דורך אַזאַ הייליגער ערציאונג — אויף דעם וועג פון אייביגקייט, פון אַ „למען ירבו ימיכם וימי בניכם“.

ווי ווייט דער העברעאישער חנוך איז געווען די הויפּט פּראָבלעם פון דעם אידישען קיום, קענען מיר פאַרשטיין פון ריש לקיש'עס ווערטער צו ר' יהודה'ן, אַז אַ שטאָט וועלכע האָט ניט קיין תלמוד תורה, דאַרף מען איר חרוב מאַכען.

און ווי ר' המנונא וויל האָבען איז טאַקע צוליב דעם ירושלים חרוב געוואָרען.

גלייך ווי די אידישע קינדערלאך האָבען אויפגעהערט צו באקומען אַ העברעאישע ערציאונג איז ירושלים חרוב געוואָרען.

דער אידישער קיום האָט געמוזט צוליב דעם אָפּשטארבען, ער האָט זיך ניט געהאַט אויף וואָס אָנצוהאַלטען.

לאָמיר אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסען אָן די קללות פון נחמיה׳ן, און לאָמיר פילען די אחריות וועלכע מיר נעמען אויף זיך מיט דעם וואָס מיר ערציען אונזערע קנדערלאַך אין די שפראַכען פון אשדוד און מואב... לאָמיר געדיינקען אַז אַזאַ ערציאונג קען ברייינגען דעם קיום פון דאָס אידישע פאָלק צו קצור ימים.

עברית בעברית מוז ווערען די פּראָגראַם אין אַלע אידישע שולעס און לער אַנשטאַלטען.

און גלייך מוז דאָס געשען!

בין הזמנים*)

עונת החפש והבטלה עוד מעט ותחלוף, ודלתי בתי-הספר העממיים תפתחנה לרוחה — לקבל את הילדים העליזים והרעננים, אשר בלו תחת כפת השמים זה שלשה ירחים רצופים.

המורה האנגלי, באשר הוא שם, יסדר עוד מעט במתינות ובנחת את צרורו וישוב אל „עמודו" לתת לקח לתלמידיו המאזינים אשר יפגשו אותו ברוב כבוד.

אך לא כן בית הספר העברי, ולא כן המורה העברי.

בית הספר שלנו פתוח תמיד, בחורף ובקיץ.

חופש? הלא זהו בטול תורה! ובטול תורה — אסור.

והמורה — כלום זקוק הוא למנוחת הנפש והגוף? עבודתו הלא אינה עבודת-פרך, משתעשע הוא שם כמה שעות ביום . . .

אך בהשתדלות אגודת המורים אשר פנתה אל כל בתי-ספר בניו-יורק והסביבה בדבר החופש למורים בחדשי הקיץ, ובזכות העתונות אשר הקדישה מאמרים נלהבים לשאלה זו ניתן אי-פה אי-שם חופש למורינו.

לפנינו עתה שאלה רצינית, שאלת „בין הזמנים".

ושאלת בין הזמנים — קשה עד מאד ודורשת פתרון.

מספר המורים המפוטרים גדול לאין שעור. מפטרים מורים מכל צד. מי שנגע בכבודו של המנהל ומי שלא הלך בעצת „ועד

---

*) צוליעב דער חשיבות פון אַט דעם קורצען אַרטיקעל וואס איך האָב דעם לעצטען זומער געדרוקט אין דער העברעאישער אַפּטיילונג פון „די נייע ווארהייט", ברייננ איך איהם צו דעם טרויעריגען סך הכל פון דעם חנוך אין אַמעריקאַ.

החנוך", ומי על שהמעיט ב„יקום פורקן", והרבה בדברי ימי ישראל ובדקדוק, — על כל אלה יצאה גזרת פטורים.

והמורה מדי חוקר ודורש, מוחק ורושם.

אלמלי ההפקרות, החוצפה והפרועה השוררת בענין משרות למורים, היה המורה משיג משרה על נקלה.

כל דכפין בא וסומך ידיו על המורה העברי, וכל „אָלרייטניק" בא ומעמידו ל„מבחן".

כשמודיעים בעתון על דבר הצעת משרה למורה עברי, מיד נוהרים מורים לעשרות, בהמלצות כפולות ומכופלו מ„גאוני אמעריקא". מובן מאליו, שהמודיע איננו בוחר במורה אידיאלי, אשר הקדיש את כל שנותיו לחנוך, במורה מומחה אשר הורה כבר בבתי־ספר שונים בחוץ־לארץ ובארץ ישראל, אך במורה הדיוט הקופץ בראש, אשר האנגלית לפניו תהלוך.

כן, זהו דבר גלוי לכל, שמצבו הרוחני של המורה העברי באמריקה הוא עגום ועלוב. וכמו כן ידוע הוא שבין־הזמנים מתיש את כחו של המורה העברי ומשפיל את כבודו.

„אבל אנחנו אשמים": המורים, המנהלים, הרבנים והעסקנים העומדים בראש מוסדות החנוך, אשמים במצב הפרוע השורר בעולם המורים. עלינו לסדר את ענין קבלת המורים וגם פטוריהם.

צריך שיהיה מוסד אחראי אשר ינהל את הענין הזה. אם להצעות — הרי אפשר לסדר ועד מאוחד מבאי־כח ההסתדרות העברית, אגודת המנהלים והמורים — והועד הזה ירכז בידיו את העבודה הזאת — לטובת המורה ולתועלת החנוך העברי.

קרן קימת לישראל

התרופה הנכונה והיחידה היא יצירתה של אומה יהודית, של עם שרוי על אדמתו.

אין קרבן שיהיה גדול יותר מדי לשם השגת מטרה זו, אשר תציל את עמנו מן הסכנה הנשקפת לעתידותינו בכל מקום. (מדברי י. ל. פינסקער).

א"ר יצחק: דור הולך ודור בא (קהלת, א, ד), אומה נכנסת אומה יוצא והארץ לעולם עומדת, אלו ישראל שהן עומדים לעולם, ואין ארץ אלא ישראל, שנאמר: כי תהיו אתם ארץ חפץ (מלאכי, ג, יב), וכן הוא אומר (שופטים, יח) עד יום גלות הארץ, וכי הארץ גולה? אלא אלו ישראל שגלו. מדרש שוח"ט, מזמור ל"ו).

עובד אדמתו ישבע לחם. אם עושה אדם עצמו עבד לאדמה ישבע לחם, ואם לאו — לא ישבע לחם.
(סנהדרין, נ"ח, ע"ב).

די נשמה פון א פאלק, די שאפונגס-קראפט פון א פאלק, קען זיך נאר אנטוויקלען, ווען דאס פאלק לעבט אין זיין אייגען לאנד. איז אפאלק אפגעריסען פון זיין לאנד, ריכט אפ גלות, דאן האט קיין ווערט ניט זיין שאפען. דאס איז א שאפונג אהן א באדען אונטער זיך און א פאלק אהן א באדען האט קיין צו־קונפט ניט און איז שטענדיג אין א גייסטיגער סכנה.

דער פאר איז קיין קרבן ניט צו גרויס אום צו ברייגגען דאס אידישע פאלק אין זיין לאנד און ער זאל צוריק ווערען א „עם שרוי על אדמתו".

ווי פראפעסאר הערמאן שאפירא, דער ערפינדער און לע־רער פון דעם הייליגסטען און אידעאליסטישען אינסטיטושאן „קרן קימת לישראל", האט געזאגט: „לו הבטיחו אבותינו

בצאתם לגולה סכום קטן ביותר לימים הבאים, אז היינו יכולים לרכש לנו היום שטחי קרקע גדולים. אבותינו לא יכלו לעשות זאת, או הזניחו את הדבר, ולכן חיבים אנו לעשותו לנו ולבנינו".

ווען אונזערע עלטערן וואָלטען אונז פאַרזיכערט אַרויס־געהענדיג אין גלות אַ קליינעם סכום פאַר דער צוקונפט, וואָלטען מיר היינט געקענט ערווערבען גרויסע נחלות אין ארץ ישראל, היינט אַז אונזערע עלטערן האָבען דאָס ניט געקענט פאַר אונז טאָן, אָדער האָבען דאָס פאַרזען — דאַרפען מיר דעריבער דאָס טאָן, מיר זיינען מחויב דאָס צו טאָן, און דאָס טוען מיר פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער.

אָט דאָס איז געווען דער חלום פון דעם גרויסען קרן קימת לישראל'דיגען דיינקער. דאָס פאָלק ישראל מוז צוריק ווערען דאָס „עם שרוי על אדמתו", און איז צוגעטראָטען צו דער „גאולת הארץ". דער „קרן קימת לישראל" איז געוואָרען דער ערדישער משיח, האָט אָנגעפאַנגען אויסצולייזען די ערד אין ארץ ישראל, און צוצוגרייטען אַ באָדען פאַר די טויזענדער חלוצים און פּיאָ־נערען. דער „קרן קימת לישראל", איז געוואָרען די נשמה פון דעם ציוניזם, דער ליבלינג, דער בן־יחיד ביי דעם גאַנצען פאָלק. מיט די קאָפּיקעס און פּרוטות וואָס די סקול קינדער האָבען אַריינגעבראַכט דורך דעם פאַרקויפען די מאַרקעס, די סטעמפּס, פון די גרינדער פון דעם אידישען נאַציאָנאַל פאָנד, האָט דער „קרן קימת לישראל" גאַנצע דערפער און קאָלאָניעס אויסגעבויט. ע ר ד איז געוואָרען די לאָזונג, די הויפּט פּראָגראַם פון דעם ציוניסטישען געדאַנק. „גאולה תתנו לארץ" איז געוואָרען דאָס הייליגסטע תפלה ביי דעם „קרן קימת לישראל".

דער אידעאַל פון דעם „קרן קימת לישראל" האָט אָנגעפאַנ־גען אַריינצודרינגען אין די קרייזען פון די ברייטע שיכטען פון פאָלק. שטעלען אַ קערה יום כפור אין שול פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, איז געוואָרען אַ הייליגע טראַדיציע. און אַריינעמען אַ

„קרן קימת לישראל" פושקע איז געוואָרען אַ כבוד, אַ קדושה, צוזאַמען מיט די מזוזות זיינען אויך אויף די ווענט די ווייס-בלויע ארץ ישראל פושקעס אָנגעקלאַפּט געוואָרען. האָט אַ איד געהאַט אַ שמחה, אַ חתונה, אַ ברית, אַ תנאים, אַ בר מצוה, אַ חנוכת הבית, אַ יום-הולדת — איז דער נאַציאָנאַל פאָנד דער אורח-הכבוד, דער עהרען גאַסט געווען. איז געקומען אַ חנכה-אַ פורים, האָט די ערשטע מתנה דער „קרן קימת" באַקומען. און פאַר די אַלע מתנות האָט דער „קרן קימת לישראל" איבער ארץ ישראל זיך צושפרייט, האָט זיך געמאַכט אַ קניה אין שמרון — איז שוין דער „קרן קימת לישראל" פארלאָפען און דער באָדען איז אין זיין רשות אריין. אַז דער קי"ל האָט גע-וואָרפען אַן אויג אויף דעם בעסטען באָדען אין גליל און עמק יזרעאל, האָט ער אים זוכה געווען. דער „קרן קימת לישראל" איז אויף דער וואַך געשטאַנען, און האָט אַ טריט ערד ניט אויסגעלאָזען, ווי ברוך הקודש האָט דער „קרן קימת לישראל" געזען, אַז אידען וועלען זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזען דעם גלות, און אַז ער מוז פאַר די גולים אַ באָדען צוגרייטען, און אַזוי איז טאַקע געווען.

אַ דאַנק דער קיינמאָל ניט מידלאַכער הייליגער אַרבעט פון דעם „קרן קימת לישראל", האָבען די טויזענטער אידישע פאַגראָמירטע פאַמיליעס און חלוצים אַ באָדען אין ארץ ישראל געפינען. דער „קרן קימת לישראל" האָט זיי באַגעגעט מיט „הלא כל הארץ לפניך". ער האָט באַזעצט די צובראָכענע פאַ-מיליעס אין גליל, אין יהודה, אין שמרון און אין עמק יזרעאל. ער האָט פאַר זיי פאַרטיגע הייזער און וויינגערטנער אָנגעגרייט, און מיט ליבשאַפט האָט דער חלוץ דאָס פעלד, די נאַטור אין א"י באַגעגענט. ער האָט זיך צו די ערד פאַר אַ קנעכט פאַר-קויפט און מיט זיין שווייס איר באַגאָסען. ער האָט געוואוסט אַז דער „עובד אדמתו ישבע לחם" קען נאָר זיין ווען ער איז אַ

קנעכט צו דער ערד, ווען ער באהאנדעלט איר ערליך — און א דאנק דער מסירות נפש׳דיגער חלוצ׳ישער ארבעט׳ בא.:עגענט אים דאס פעלד מיט מזל ברכה, מיט דעם ישבע לחם.

ווי גרויזאם און הילפלאז וואלט ביי היינטיגען טאג געווען די לאגע פון די טויזענטער היימלאזע אידישע פאמיליעס אהן דער גרויסער און הייליגער ארבעט פון „קרן קימת לישראל״. אויף די מזרח איראפעאישע אידען וואלט דאך א כליה אויס־געגאסען געווארען, זיי וואלטען דורך די „ארבע מיתות בית דין״ אומגעקומען.

מיר באגרייפען גאר ניט די געטליכקייט, די שכינה וועלכע איז באציטענס צו דעם „קרן קימת לישראל״ אנטפלעקט געווארען.

דער „קרן קימת לישראל״, האט דאך אונז „מחיה המתים״ געמאכט. ער האט דאך אונז געבראכט צו דער מדרגה פון „ישראל עומדים לעולם״.

דורך דעם וואס ער האט דעם באדען אין ארץ ישראל אויסגעקויפט, און אונז מיט דגניה׳ס, ביתניה׳ס, עין חרוד׳ס און נהלל׳ס באשאנקען, האט ער דאך דעם באדען פאר א לעולם עומד׳דיגען געמאכט.

מיר זיינען דאך אויפסניי א לעבעדיג פאלק געווארען, א פאלק וואס איז „שרוי על אדמתו״, וואס לעבט און שאפט אין זיין אייגען לאנד.

דער „קרן קימת״ פארדינט דעם „נעשה ונשמע״ פון דעם גאנצען אידישען פאלק.

דער „קרן קימת״ זארגט פאר דער נאציאנאלער אויפלע־בונג פון דעם אידישען פאלק אין זיין אויסגעלייזטער לאנד.

דער „קרן קימת״ זארגט אז דאס אידישע פאלק זאל באפרייט ווערען פון יעטוועדען אויסערליכען דרוק און יאך, אז זיין נאצ־

יאַנאַלע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט זאָל ווערען אויף אייביג געזיכערט.

דער „קרן קימת" זאָרגט אַז דער באָדען פון ארץ ישראל זאָל ווערען דער אייגענטום פון גאַנצען אידישען פאָלק.

מיר טאָרען דעם „קרן קימת" אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסען. דער „קרן קימת מוז ווערען אונזער באַגלייטער, אונזער עמוד האש, ביז וואַנען מיר וועלען אין גאַנצען דעם גלות פאַרלאָזען. די צענדליגער טויזענטער אידישע פאַמיליעס וועלכע שמאַכטען אין פוילען, רוסלאַנד, רומעניען, אונגאַרען א. ז. וו. פאָדערען פון דעם „קרן קימת לישראל" גרעסערע לאַנד ערוואָבערונגען — און דאָס מוז דער נאַציאָנאַל פאָנד גלייך ערוואָבערען.

און ערוואָבערען קען ער דאָס נאָר דאַן, ווען מיר וועלען זיך אין דעם ספר הזהב, אין דעם גאָלדענעם שיר השירים בוך פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד אַריינרייסען, און טיף אונזערע נעמען אויסקריצען דאָרט.

ווען אַ „קרן קימת לישראל" פושקע וועט ווערען אין יעדער אידישער הויז אַ צווייטע מזוזה הייליגקייט.

ווען איינצושרייבען זיך אין דעם גאָלדענעם בוך פון דעם „קרן קימת לישראל", וועט ווערען א „מצות עשה", ווען קויפען דונאַמס-לאַנד און פלאַנצען בוימער אין דעם יער הרצל, וועט ווערען אַ טאָג-טעגלאַכע ערשיינונג — דאַן וועט דער „קרן קימת לישראל", האָבען דערגרייכט צו דער ענד פון זיין אידעאַל, און די טויערען פון ארץ ישראל וועלען ברייט געעפענט ווערען פאַר די גרויסע מאַסען, און דאָס פאָלק ישראל וועט פיהלען דעם „וישבתם לבטח בארצכם", וועלכעראיז פאַרווירקליכט געוואָרען דורך דער נאָבעלער קיינמאָל ניט מידלאַכער ארבעט פון דעם „קרן קימת לישראל".

און דאָס האָט געמיינט דער מדרש: „ואין ארץ אלא ישראל". ווען איז דאָס אידישע פאָלק אַן אייביגקייט, ווען זיינען

„ישראל עומדים לעולם“ — ווען זיי זיינען ביי זיך אין לאַנד. אָבער ווען די אידען זיינען אין גלות — דאַן איז „עד יום גלות הארץ“, דאַן איז אויך דער באָדען אין גלות.

דער „ישראל עומדים לעולם“ — איז אין גרוים סכנה, ווען מיר וועלען ניט זאָרגען אז פריער זאָלען מיר האָבען דעם באָדען אין אונזער רשות — אַז „הארץ לעולם עומדת“. דעריבער דאַרף די הייליגע נאַציאָנאַלע אַרבעט פאַר דעם „קרן קימת“, באַטראַכט ווערען פון יעדענטווידער איינעם מיט דער גרעסטער „יראת התרוממות“. אַ הייליגער פליכט דאַרף ליגען אויף אונז אַלעמען צו העלפען דעם „אידישען נאַציאָנאַל פאָנד“, אויסלייזען דעם גאַנצען באָדען אין ארץ ישראל. און צו מאַכען דאָס פאָלק ישראל פאַר אן אייביגען.

קרן-היסוד.

וידבר משה לפני ה׳ לאמר: הן בני ישראל לא שמעו אלי, ואיך ישמעני פרעה? (שמות).

ווען משה האָט געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיט פרעה׳ן אַז ער זאָל באַפרייען די אידען און זיי לאָזען אַרויסגיין פון מצרים, האָט ער געוואוסט אַז עס וועט אים לאַנג ניט נעמען און ער וועט דעם טיראַנישען פרעה׳ן באַזיגען.

אויב אפילו ער זאָל זיך שטאַרק פאַר׳עקשן׳ען, וועט ער אים מכבד זיין מיט נאָך אַ מכה, און ער איז מיט אים פאַרטיג. אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו זיינע פאַרשקלאַפטע ברידער, האָט ער ערשט דערזעהן וואָס פאַר אַ שווערע פּראָבלעם עס שטעהט פאַר איהם פאַר, די פערשקלאַפטע אידען זיינען אזוי טיף געווען פערזונקען אין דעם אָפּגאָט פון שקלאַפעריי, דאָס די אלע געטליכע אותות ומופתים, וועלכע ער האָט זיי בעוויזען, האָט זיי נאָך אַלץ צווייפלען געמאכט. אויך דאַן זיינען פיעל פריוויליגיר־טע אידען געווען, וועלכע די אלע פרעה׳שע גזירות האָט צו זיי ניט דערגרייכט, און זיי האָבען גאָר ארץ ישראל באַטראַכט אַלס אַ קרבן, אַלס אַ רואין פון זייער גוטען און עסטאַבלירטען לעבען אין מצרים. און אַז משה האָט אַ קוק געגעבען, אַז מיט פרעה׳ן איז ער שוין באַלד פאַרטיג, און מיט די אידען הויבט זיך נאָך גאָר ניט אָן, איז ער אַן אויפגעבראַכטער צו גאָט אַוועק זיך אַן עצה האַלטען.

משה האָט יאָמערליך פאַר גאָט געוויינט און געזאָגט: „הן בני ישראל לא שמעו אלי" די אידען ווילען גאָר ניט הערען

פון ארץ ישראל, זיי רעאַליזירען גאָרניט וואָס אַזוינס פרייהייט מיינט צו זאָגען, זיי פיהלען גאָר ניט וואָס פאַר אַן ענדערונג עס וואָלט געמאכט אויף זיי. ואיך — טאָ ווי גרויס וועט זיין די שאַנדע אַז „ישמעני פרעה", אַז פרעה וועט יאָ מסכים זיין און וועט די אידען יאָ אַרויסלאָזען פון מצרים?

אָט פאַר דער שאַנדע האָט זיך משה געשראָקען און איז באַצייטענס וועגען דעם צו גאָט געקומען. טויזענטער יאָרען זיינען שוין פאַראיבער פון דעם גלות מצרים, ביז היינטיגען טאָג; און דאָך שטייען אונזערע מנהיגים, אונזערע היינטיגע משה'ס, פאַר דער זעלבער שאַנדע פון דעם „ואיך — ישמעני פרעה".

וויפיעל הייליגע קרבנות האָט דער ציוניזם אויפגעבראַכט אויף דעם מזבח וועלכער האָט געפירט צו דעם וועג פון די פרעה'ס.

הרצל, דער „רועה נאמן", איז פון אונז יונגערהייט אַוועק־געריסען געוואָרען, ווייל ער האָט אונערמידליך מיט די פרעה'ס געאַרבעט, אַז זיי זאָלען ארץ ישראל פאַר דאָס אידישע היימ־לאַנד מאַכען.

וואָלפסאָן, טשלענאָוו, מאַקס נאָרדוי, זיינען אויך שטענדיג אין וועג געוועזען, צו די פרעה'ס געוואַנדערט. און איצט אַז מען האָט שוין זוכה געווען צו הערען דעם „יאָ"־וואָרט פון אונזערע פרעה'ס, איצט אַז מיר האָבען שוין אַן אייזערנע באַלפור דעקלעראַציע, וועלכע פאַרזיכערט אונז צו בויען אונזער היים אין אונזער היסטאָרישער לאַנד ארץ ישראל — שטייען מיר גאָר פאַר דער „תכונה" פון „הן בני ישראל לא שמעו אלי". מיר צווייפלען גאָר אין אונזער נצחון, מיר פרייען זיך גאָר ניט מיט דער „השבת אבדה", וועלכע מיר זוכען איר שוין אַרום העכער צוויי טויזענט יאָר. אַך ווי גרויס און קאַטאַסטראָפאַל איז די שאַנדע, אַז „ישמעני פרעה", — אַז פרעה האָט שוין

מסכים געווען און אונז צוריק אונזער לאַנד אַוועקגעגעבען. ווי אַזוי וועלען מיר איצט אונזער פּנים פאַר די פּרעה׳ס קענען ווייזען ? זיי וועלען דאָך אויף אונז מיט די פינגער איצט טייטלען און זאָגען : איר אַליין זייט שולדיג אין אייער גלות לעבען, מיר האָבען אייך געגעבען די מעגליכקייט צו ווערען אַ זעלבסט־שטענדיג פאָלק אונטער די פרייע הימלען פון אייער ארץ ישראל אָבער איר אידען גלייכט דעם גלות, איהר ווילט גאָר ניט קיין זעלבסטשטענדיג פאָלק ווערען, איהר גלייכט צו בויען פּיראַמידען פאַר פרעמדע פעלקער, איהר גלייכט צו זיין אַ וואַנדער־פאָלק.

איר האָט זיך ניט אָפּגערופען ווען דאָס העכסטע און הייליגסטע אינסטיטוציע קרן היסוד, האָט אייער הילף און גלויבען געפאָדערט. איר האָט דעם קרן היסוד, ווי אַ שטיף קינד באַהאַנדעלט, ווי צו אַ שנאָרערשער צדקה צו אים זיך באַצויגען. וועלען מיר טאַקע דערלאָזען צו פאַרשפּילען די היסטאָרישע שעה פון דער באלפור דעקלאראציע, אין א צייט ווען דאָס אידענטהום אין מזרח אייראָפּא שטעהט פאַר אַ פאָלקאָמען חורבן, און די גאַנצע וועלט אויסער ארץ ישראל, איז פאַר אים מיט אייזערנע שווערע שלעסער פאַרשלאָסען ?

וועלען מיר דאָס טאַקע שוין אַ גלות־פאָלק, אייביגע שכנים פאַרבלייבען ? ניין ! מיר טאָרען ניט ! מיר מוזען צוריק אַ פאָלק ווערען, מיר מוזען צוריק אונזער לאַנד ערשאָבערען און אונזער הייליגע שפּראַך פון די עשרת הדברות, די שפּראַך פון די נביאים מוז צוריק די פאַרלאַמענטאַרישע מושל׳טע ווערען. גאַנצע דורות זיינען פאַראיבער פון דער כורש דעקלעראַציע, ביז מיר האָבען אַ באַלפור־דעקלעראַציע דערלעבט. און מער וואַרטען האָבען מיר שוין קיין קרעפטען ניט. „כשל כח הסבל״. דאָס פאָלק ישראל איז צובראָכען, אויסגעמאַטערט. און דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם קרן היסוד.

דער קרן־היסוד גיט אַ ראַדיקאַלע הילף צו די טויזענטער חלוצים און פּיאָנערען, צו די „בחירי הלאום“, וועלכע גיבען אַוועק זייער בלוט און יונגען לעבען, פאַר דער אָפּרוימונג פון די חורבות, וועלכע האָבען געפּרעסט אונזער לאַנד פאַר די לעצטע צוויי טויזענד יאָר.

דער קרן היסוד זאָרגט אַז יעדער טריט ערד וועלכער איז עראָבערט געוואָרען דורך דעם „אידישען נאַציאָנאַל פאָנד“, זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ גן עדן.

דער קרן היסוד בויט שטעט און דערפער, פלאַנצט און זייט, טריקענט זומפּען, בויט בריקען, מאַכט שאָסייען און זאָרגט פאַר דער בעסערער קאָמוניקאַציע פון איין דאָרף צום צווייטען, פון איין שטאָט צו דער צווייטער.

דער קרן היסוד זאָרגט פאַר דער איינוואַנדערונג פון דעם מיטעל־קלאַס, פון די ניט פאַרמעגלאַכע האַנדווערקער, און העלפט זיי אַרויס מיט די אַלע נויטיגע מכשירים און הלוואות.

דער קרן היסוד זאָרגט פאַר דעם העברעאישען חנוך; האַלט אויס די פאָלקס־שולען, מיטעל־שולען, אָוענט קורסען און פאַרדינט דעם גאַנצען קרעדיט פאַר דער גיכער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און קולטור.

דער קרן היסוד איז דער שטייער פון פאָלק פאַר׳ן פאָלק.

ניט נאָר מיר גיבען דעם קרן־היסוד נאָר מיר נעמען. דער קרן־היסוד גיט אונז פיעל מער ווי מיר גיבען אים.

און דאָס האָט אויך גאָט געזאָגט צו משה׳ן ווען ער האָט אים געהייסען אַפּילען פאַר דעם בית המקדש: „ויקחו לי תרומה“ ניט איר זאָלט געבען. ווייל וויפיעל איר וועט ניט געבען וועט איר אַלץ נאָך נעמען מער.

דער קרן־היסוד איז ביי היינטיגען טאָג דער מחצית־השקל, וואָס אַלע אידען האָבען געמוזט באַצאָלען, אַ ניט האָט מען משכנות גענומען. בכ״ה באדר ישבו במקדש, משישבו במקדש

התחילו למשכן (שקלים פ״א) אַזוי גוט ווי אַלע אידען האָבען געמוזט בייטראָגען דעם שטייער פון מחצית-השקל, וועלכער איז געגאַנגען פאַר דעם בית המקדש — אַזוי מוזען אַלע אידען בייטראָגען דעם קרן-היסוד שטייער וועלכער גייט פאַר דעם בנין הארץ.

זיך אָפּזאָגען פון דעם קרן-היסוד מיינט זיך אָפּזאָגען פון ארץ ישראל, פון דער העברעאישער שפראַך, פון דער אידישער נאַציאָן און טראַדיציע. זיך אָפּצוזאָגען פון דעם קרן-היסוד מיינט צו זיין אַן אייביגער פרעמדער צווישען פרעמדע.

פריוואַטע לאַנד ערווערבונג אין ארץ ישראל.

אָמר ר׳ יוחנן: מפני מה זכה עמרי למלכות? מפני שהוסיף כרך אחד בא״י. שנאמר: ויקן את ההר שומרון, ויבן את ההר ויקרא את שם העיר אשר בנה... שומרון. (סנהדרין, ק״ב:).

הלוקח בית בארץ ישראל כותבים עליו אונו אפילו בשבת. בבא קמא, פ.).

מתחלת בריתו של עולם לא נתעסק הקב״ה אלא במטע תחלה, שנאמר: „ויטע ה׳ אלהים גן בעדן״ — אף אתם כשנכנסים לארץ לא תתעסקו אלא במטע תחלה. זהו שנאמר — „כי תבואו אל הארץ — ונטעתם״. (ויק״ר פ׳ כ״ד).

רעים רבים שחתו כרמי בוססו את חלקתי נתנו את חלקת חמדתי למדבר שממה. (ירמיה).

די באַוועגונג פון דעם אידישען באָדען-ערווערבונג אין ארץ ישראל זייט ענגלאנד האָט באקומען דעם מאַנדאַט איז זייער דערפרייענד. אין פאַרלויף פון דער קורצער צייט האָבען אידען ערוואָרבען אין ארץ ישראל מער ווי דאָפעלט, וואָס זיי האָבען ערוואָרבען אין דעם גאנצען פריערדיגען פעריאָד פון 40 יאָר.

ביז מיט אַ צוויי יאָר צוריק איז דער פיק״א אין דער אידישער נאַציאָנאַל פאָנד געווען כמעט די איינציגע קונים פון אַגריקולטורעלען באָדען אין ארץ ישראל. אין דער לעצטער צייט אָבער האָט זיך דער מצב אַביסעל געענדערט. פאַרשידענע אידישע געזעלשאַפטען און פאַרטיי-לייט האָבען זיך פאַראינערעסירט אין ערווערבען אַגריקולטורעלען באָדען אין ארץ ישראל. ניטאָ קיין טאָג אַז עס זאָל ניט געבאָרען ווערען אַ חברה וועלכע פאַרקויפט ביליג פלעצער אין ארץ ישראל.

יעדע חברה זאָגט צו הרים וגבעות, אַבי צו אַרויסקריגען די אָרעמע אָפּגעשפּאָרטע לעצטע פּרוטות פון דעם צובראָכענעם „עולה". מענשען קוקען גאָר ניט, רעכענען זיך גאָר ניט וואָס דער באָדען טויג ניט, וואָס עס וועט נעמען יאָרען ביז וואַנען זייער באָדען וועט זוכה זיין צו אַ ישוב, מען ביזנעוועט, אַ ריעל-עסטייט בום.

ניט נאָר וואָס אַזעלכע חברות אָדער יחידים, וואָס קויפען סתם באָדען אָהן קיינע אַגראָנאָמישע ידיעות פאַר שפּעקולאַציע, זינדיגען אַנטקעגען מענשען וועלכע האָבען צו זיי דעם גרעסטען צוטרוי און גלויבען, נאָר צו דעם בנין הארץ. עס ליידעט פון דעם דאָס לאַנד, דער ישוב, וועלכער איז אַזוי דרינגענד. אויסער וואָס אַזעלכע פליאַוועקע-חברות, זויגען אויס די בלוט פון די אומגליקלאַכע נאַאיווע עולים, מיט זייערע פּאַסעק פּרייזען, נאָר זיי באַרויבען די האָפנונג, די צוקונפט זייערע און ברייגען זיי צו דער גרעסטער ענטוישונג. אויסער וואָס די אַלע שפּעקולאַציע חברות קויפען זייער באָדען ווי גרויסע עם הארצים — ברייגען זיי דאָך דעם יקרות אויף לאַנד אין א"י. דער אַראַבער ווערט דאָך אַ צוטומעלטער פון די אָנבאָטען וואָס ווערען געמאַכט און געאָפּערט מצד די פערשידענע אַגענטען.

אַט זאָגט ער צו דעם באָדען די "חברה" און אַט פאַרקויפט ער גאָר אַ צווייטער. דאָ דינגט ער זיך מיט דעם פאַרשטעהער און דאָ שפּרינגט אונטער אַ צווייטער. אַ שוואַרצע בירזשע איז געוואָרען דער „והתנחלתם" אין ארץ ישראל. די גלות'דיגע וואַליוטע שפּעקולאַציע, האָט „מעתיק אהל" געווען, און זיך אין ארץ ישראל באַזעצט.

מיר האָבען נאָך ניט געזען די ישובים וועלכע עס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף דעם באָדען פון די אַלע חברות.

יאָ, דער באָדען זייערער איז אויסגעפּאַרקויפט געוואָרען, מענשען האָבען גוטע געשעפטען געמאַכט, פיינע הייזער פאַר זיך

אויסגעבויט אין תל־אביב, אָבער אויף זייער כלומר׳שטען והתנחלתם״ באָדען רוהט דער חורבן.

זיי באמיהען זיך צו בערוהיגען זייערע פריינט מיט שקרים־דיגע המלצות, מיט לאַנד־קאַרטעס, מיט די גאַסען פלאַנען, אָבער מיר ווייסען אַז ווען אפילו דער באָדען זאָל יאָ אַמאָל שוין זוכה זיין צו אַ ישוב, וועט ער אויך קיין קיום ניט האָבען. ווייל ווען אָט די שפעקולאַציע־חברות האָבען דעם באָדען געקויפט, האָבען זיי זיך ניט גערעכענט צו דער באָדען האָט אַ ישוב׳שען קיום — פאַר זיי איז דאָס געוועזען אַן ענין פון „ריעל־עסטייט״ און ווייטער גאָר ניט. אמת, מיר זיינען ביי זיך גאָר ניט גענאַרט, און מיר ווייסען אַז די לאַנד איז ניט קיין ארץ זבת חלב ודבש, ווי מיט דורות צוריק, מיר ווייסען גאַנץ גוט אַז אין פאַרלויף פון דעם לאַנגען גלות, האָבען אונזערע שונאים דאָס לאַנד אין אַ מדבר פאַרוואַנדעלט, און אַז צו מאַכען די לאַנד צוריק פאַר אַ פרוכט־באַרע, פאַר אַן „ארץ זבת חלב ודבש״, מוזען מיר פון איר די חורבות אַראָפנעמען, דעם שימעל פאַרניכטען, וועלכער האָט זיך פאַר דער צייט אַזוי איינגעגעסען און צוגעפרעסט צו איר. מיר זיינען ביי זיך גאָר ניט גענאַרט און מיר ווייסען גאַנץ גוט אַז מיר קומען ניט טרעפען און געפינען אַ גן עדן. מיר ווייסען פון די רואינען, פון די שלאַנגען און עקדישען וועלכע רוהען דאָרט, ווי דער נביא דריקט זיך אויס: „רעים רבים שחתו כרמי, בוססו את חלקתי נתנו את חלקת חמדתי למדבר שממה״.

אָבער דאָך דאַרפען די לאַנד־קניות געמאַכט ווערען אין אַזעלכע געאָגראַפישע פונקטען, וועלכע האָבען נאָענטע ישוב׳־שע פערספעקטיווען. אַ גוטער ביישפיעל קען פאַר אונז דינען די מושבה פוריה אין גליל התחתון. ווער עס איז געוועזען אין ארץ ישראל און באַזוכט דעם גליל, וועט אייך גלייך זאָגען אַז פוריה איז די שענסטע קאָלאָניע אין גליל מיט איר רייכער פאַנאָראַמע. דער באָדען אירער איז אויף א הויכען באַרג, געפינט זיך אין

גאַנצען פּאַרמאַכט פון אַראַבישע שכנים. כנרת, ימה, ביתניה, איז צוואַנציג מינוט גאַנג פון איר און דאָך איז די שיינע וואונ־דערבאַרע פּוריה, חרוב, אַ פּוסטקע, שאַקאַלען האָבען דאָרט זייער היים געמאַכט. ווייל פּוריה האָט קיין וואַסער ניט. עס טרעפט צייטען ווען פּוריה מוז ערגעץ אַנדערש וואו גיין נאָך וואַסער. און אָהן וואַסער קען זיך אַ קאָלאָניע קיינמאָל ניט אַנטוויקלען.

ניט אַזעלכע שפּעקולאַציע חברות קענען זיך פאַרגלייכען צו עמרי און ניט זיי קענען עולה זיין למלכות.

עולה זיין למלכות קען מען נאָר ווען מען קויפט און מען בויט. ווען מען קויפט און מען האָט אין זינען אַ באַלדיגען ישוב ווי עמרי האָט געטאָן: „ויקן את ההר — ויבן את ההר": גע־קויפט און געבויט און זיך באַזעצט.

ווי וויכטיג דער ישוב אין ארץ ישראל איז, קענען מיר אַרויסהאָבען פון דער רעליגיעזער פּריווילעגיע, אַז מען מעג קויפען אין א"י אַ הויז שבת און שרייבען דעם שטר מקנה. ווי די גמרא זאָגט אין ב"ק: „הלוקח בית בא"י כותבין עליו אונו אפילו בשבת".

צוליב די הייליגקייט און וויכטיגקייט פון ישוב א"י, האָט מען מתיר געווען דעם איסור פון „שבות".

בויען, שאַפען אַ ישוב אין א"י, איז ביי דעם היינטיגען טאָג די הייליגסטע אַרבעט וואָס דאַרף געטאָן ווערען.

אַזוי האָט אויך גאָט געטאָן ביים אָנפאַנג פון זיין שאַפען: „ויטע אלהים גן בעדן". ער האָט זיך גלייך גענומען צום פלאַנצען און אַזוי האָט ער אויך אונז געהייסען טאָן:

„כי תבוא אל הארץ — ונטעתם". אַז איר וועט אַריינקומען אין אייער לאַנד — זאָלט איר זיך ניט פאַרנעמען מיט שפּעקו־לאַציע, נאָר מיט בויען דעם ישוב. ונטעתם! איר זאָלט פלאַנצען. און אַזוי מוזען מיר טאָן. מיר מוזען אָט די אַלע שפּעקולאַנטען

פון וועג אַראָפּראַמען, דעם גלות שווינדעל אין ארץ ישראל זיך ניט לאָזען באַפעסטיגען. מיר נויטיגען זיך אין אַזעלכע חברות וועלכע פריער פון אלץ קומט דער ישוב, דער ונטעתם, און פּאַר אַזעלכע אַגריקולטורעלע חברות דאַרף די ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע זאָרגען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מוז באַזייטיגען די אַלע מכשולים וועלכע געפינען זיך אויף דעם וועג פון דער פּריוואַטער איניציאַטיווע אין ארץ ישראל.

הילף פאַר אונזערע ברידער אין איראָפּע.

„ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ וילך איש מבית לחם" —

אוי לדור ששופטיו צריכים להשפט, הדין אומר לאָדם: טול קיסם מבין שניך, והוא אומר: טול קורה מבין עיניך. כך אלימלך מגדולי המדינה ומפרנסי הדור היה, וכיון שבאו שני רעבון אמר: עכשיו יהיו בני ישראל מסבבים על פתחי, זה בא בקופתו וזה בא בכפינפו. מה עשה? עמד וברח מפניהם. רו"ר; ילק"ש).

אָמר ר' יצחק מה שנאמר: „רודף צדקה וחסד ימצא צדקה וכבוד" — משום שרודף צדקה ימצא צדקה? אלא לומר לך: כל הרודף אחר צדקה הקדוש ברוך הוא ממציא לו מעות ועושה בהם צדקה. (ב"ב ט':).

אָמר ר' יהושע בן קרחה: כל המעלים עינו מן הצדקה כאילו עובד ע"ז. (כתובות, סח:).

ניט אומזיסט האָט זיך אַזאַ טרויעריגער און טראַגישער סוף אויסגעלאָזען צו דעם רייכען אלימלך'ס פאַמיליע.

אַז אַ מאַן ווי אלימלך וועלכער אויסער וואָס ער איז געווען אַ לידער, אַ פאָרשטעהער צווישען אידען, איז ער געווען איינער פון די רייכסטע, איינער פון די גרעסטע מיליאָנערען אין ארץ ישראל.

און אַז עס איז אָנגעקומען אַ הונגער אין לאַנד, אַז עס איז געוואָרען אַ גרויסער קריזיס, האָט ער דאָס לאַנד פאַרלאָזען און זיין גאַנצען פאַרמעגען קיין מואב איבערגעפירט און זיך דאָרט מיט זיין פאַמיליע באַזעצט, אויס מורא אויס קאַרגשאַפט, טאָמער וועט ער דאַרפען זיינע פאַרשמאַכטע ברידער מיט אַ שטיקעל ברויט אויסהעלפען.

דער פאַר ווערט אלימלך'ס נאָמען צו שאַנדע דערמאָנט אין דער אידישער היסטאָריע, און דערפאַר איז ער געשטאָרבען און באַגראָבען געוואָרען צווישען פרעמדע.

אַ מענש וואָס קען אַרויסווייזען אַזאַ קאַלטקייט, אַזאַ אכזריות צו קענען צוזעהן ווי מענשען געהען אוים פון הונגער, אין דער צייט ווען זיינע שייערען זיינען פול מיט ברויט — איז ער פאַר זיין פאָלק אַ פרעמדער. אין אַזאַ צייט האָט ער ניט געדאַרפט וואַרטען ביז וואַנען מען וועט צו אים קומען נאָך הילף. ער האָט געדאַרפט ווייזען אַז ער איז אַן „אפרתי" און צו זיינע ברידער אַליין קומען צולויפען און זיי די שליסלען פון זיינע שייערען איבערגעבען.

אַנשטאָט צו זיין אַ „רודף צדקה", פאַרצושלאָגען פרייווילליג זיין הילף איז ער געוואָרען דער „בורח מן הצדקה", איז אַנט-לאָפען פון זיינע ברידער אין זיי איבערגעלאָזען אין קאַמפף מיט'ן הונגער. ניטאָ קיין גרעסערער פערברעכען ווען א מענש קען העלפען דעם צווייטען און לאָזט איהם פאַלען.

ר' יהושע איז גערעכט געווען וואָס אין זיינע אויגען איז אַ מאַן וועלכער קען העלפען דעם צווייטען און מאַכט זיך ניט ווימענדיג, איז ער געגליכען צו אַ מענשען וואָס דינט די עבודה זרה.

אַ מענש וואָס קען העלפען און וויל ניט — גלויבט אין קיין זאַך ניט. די אַמעריקאַנער אידען וועלכע האָבען זוכה געוועזען צו זיין די רייכע אלימלך'ס פאַר די צובראָכענע, הונגעריגע און נאַקעטע ברידער אין מזרח-אייראָפע — זיינען ניט אַנטלאָ-פען געוואָרען אין מואב. זיי האָבען זיך וואַרעם אָפּגערופען אויף דעם רוף פון זייערע ברידער און שוועסטער און האָבען זיי אין צייט מיט זייערע ראַדיקאַלער הילף באַגעגענט.

אַ דאַנק די גוטע רעליעף אַרבעט פון די אַמעריקאַנער אידען, זיינען די ישיבות און די אַלע איבעריגע קולטורעלע אַנשטאַלטען ניט אָפּגעשטאָרבען און טויזענטער יתומים און היימלאָזע קינדער האָבען א קולטורעלע ערציאונג באַקומען.

די אַמעריקאַנער אידען האָבען באַוויזען ווי אַזוי צדקה דאַרף געגעבען ווערען. זיי האָבען ניט געוואַרט ביז וואַנען מען וועט זיי אין טיר אָנקלאַפּען. ווי נאָר די קאָמוניקאַציע שוועריג־קייטען זיינען באַזייטיגט געוואָרען — אַזוי זיינען די אַמערי־קאַנער אידען ביי זייערע פּאָגראָמירטע און מלחמה געליטענע ברידער געווען, און זיי איבערצייגט ווי טיף זיי האָבען באַנומען די פּראָבלעם פון צדקה.

די אַמעריקאַנער אידען האָבען דערגרייכט צו דער מדרגה פון „רודף צדקה“.

ניטאָ קיין איד אין אַמעריקע וועלכער האָט קיין חלק ניט געהאַט אין דער רעליעף אַרבעט פאַר די מזרח אייראָפּעאישע אידען. אַלע ביינק זיינען פּאַרנומען געווען מיט׳ן אַריבערשי־קען געלט אין אייראָפּע. די אַמעריקאַנער אידען האָבען זיך איינפאַך מוסר־נפש געווען פאַר זייערע ברידער.

גלייך נאָכדעם ווי די טירען פון אמעריקא זיינען פאַר־שלאָסען געוואָרען פאַר די אומגליקלאכע עלענדע מזרח אייראָ־פּעאישע אידען, האָבען די אמעריקאַנער אידען גלייך איינגעזעהן אַז איצט מוזען זיי אַמשנעלסטען אויפבויען ארץ ישראל, און אַז דאָרטען וועט מוזען ווערען די זיכערע היים פאַר די אידען וועלכע האָבען קיין תקומה, קיין באָדען אונטער זיך אין די מזרח אייראָפּעאישע לענדער.

און אַ דאַנק דער גוטער אַרבעט און באַוואוסטזיין פון די אַמעריקאַנער אידען, קומען טאַקע אַריין ביי היינטיגען טאָג

אין ארץ ישראל 3000-4000 מענשען אלע מאָנאַט. אַט אין אַזאַ הילף נויטיגען זיך אונזערע באַזיץ-לאָזע ברידער אין מזרח-אייראָפּע.

אונזערע ברידער פון יענער זייט ים מוזען עמיגרירען. און דאָס איינציגע זיכערע ווינקעלע איז ביי היינטיגען טאָג ארץ ישראל.

———::———

די חלוצים אויף הרצל'ס קבר.

צו געפינען דעם קבר פון דעם אונשטערבליכען הרצל, אויף דעם ווינער גרויסען בית עולם, דאַרפט איר קיין מורה דרך ניט האָבען. אַ בת-קול פון „התקוה" קלאַנגען וועט אייך פון די צווישען די הויכע, געדיכטע יעגלענע בוימער באַגלייטען, און אייך אַרומפירען אויף אַ שמאָלער, אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וועלכע וועט אייך אַרומדרייען פאַרביי מאַרמאָר מצבות און לוקסוס ריזיגע מאָנומענטען, און אייך צו הרצל'ס קבר ברייגנען.

אָט די ארץ ישראל'דיגע פּרוזדור'דיגע סטעזשקע האָבען די חלוצים אויסגעטראָטען. אַז חלוצים פאָרען קיין ארץ ישראל, קומט מען צו הרצל'ס קבר די לעצטע וויזע נעמען... אַלע חלוצים קענען הרצל'ען. אַלע חלוצים זיינען מיט אים אויף דו.

אַלע חלוצים ברייגנען אים גרוסען פון מיליאָנען ליידענדע נשמות, וועלכע רייסען זיך און ציען זיך מיט דער גרעסטער מסירות נפש אַהין, צו דער „אין זו אגדה'דיגער אידישער לאַנד און נעמען פון אים אַ גאַנצען באַגאַזש מיט גרוסען צו דער „מדינת היהודים", צו תל-אביב, וועלכע ער איז צו זיי אַלעמען אַזאַ נאָענטער קרוב.

אַז איר קומט צו הרצל'ס קבר, און איר באַרוהיגט זיך אַ ביסעל פון דער יראת הרוממות היפּנאָזע, וועלכע האָט אייך אַרומגעכאַפּט בשעת מעשה, און איר הויבט אויף אייערע אויגען צו דעם קאָפּ פון דעם איינפאַכען, פּשוט'ן שטיין, און איר ווילט איבערלייענען די עטלאַכע שורות וועלכע זיינען אויסגעקריצט אויפ'ן שטיין, דאַן וואַרפען זיך פאַר אייערע אויגען אַ מיש-מאַש פון אָהן-סדר'דיגע שריפטען און קריצען. אַ טראַגעדיע, אַ פיהלונג

פון אַן ערדישען משיח, איז הרצל'ס קבר געוואָרען. הרצל ווייסט קלאָר די נעמען פון אַלע חלוצים וועלכע פאַרען בויען די אידישע היים. הרצל ווייסט קלאָר וויפיעל אידען זיינען אומגעקומען און פאַגראָמירט געוואָרען אין אוקראַינע און אין דער גאַנצער אידי-שער געטאָ. אין סאַמע האַרץ פון מגן-דוד פאַרכאַפּט אייך דאָס האַרץ פון אַ בלוטיגען שריפט וועלכער לייענט זיך:

כ' אייר, תרפ"א.

„הרצל, ארבעים מאלף נשארנו, לארצנו אנחנו נוהרים, שלום!"

קבוצת זנאַמענקע.

צווישען דער דריטער און פערטער שורה לייענט זיך אַ בקשה'לע, געשריבען מיט אַ רויטען פאַרב:

„הרצל, חביב-העם, בקש רחמים!

„הארץ אשר נתת לנו, עבדים אנחנו בה.

„קבוצת פּראָסקוראָוו.

גאָר אין דער הויך, לעבען דעם נ. ע. לייענט איר אין רוסיש:

„קאַק טאָלקא ארץ ישראל פּאָזוואַלאַ, מי פּרישלי. (ווי נאָר ארץ ישראל האָט אונז גערופען, זיינען מיר געקומען).

„קבוצת סיביר".

איר קענט פאַר קיין פאַל ניט דורכקריכען אָט די אַלע קריצען און שריפטען. היינט די אויפגעקייקעלטע צעטעלאַך וועלכע זיינען צוזייט איבער דעם גאַנצען קבר און אויף דער מערה, דאָרטען פוילען זיך שוין ניט די חלוצים אויפצושרייבען אַלץ, אפילו, וויפיעל חלוצים זיינען דערטרונקען געוואָרען און אין טייך געוואָרפען געוואָרען, ביים רומענישען גרעניץ, ווייסט אויך הרצל. וועגען פעטלורען און דעניקינען איז דאָך אָפגערעט, זיי קען שוין הרצל אויסגעבונדען.

אַז חלוצים קומען אויף הרצל'ס קבר, שטייען זיי מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען און שעפּטשען אַ תפלה אין דער שטיל. חלוצים קענען זיך ניט שיידען מיט הרצל'ען, חלוצים זעהען פאַר

זיך אַ שאָטען פון אַ משה רבנו, וועלכער איז ניט אין אַ הר נבו פאַרוואַנדעלט געוואָרען.

חלוצים קענען ניט איבערלאָזען דאָס שענסטע פון זייער נשמה צווישען פרעמדע, צווישען טומאה.

חלוצים האָבען חשק דעם שטיין אויף די אַקסלען טראָגען, און הרצל׳ס ביינער מיט זיך נעמען אין דאָס לאַנד, וועלכע איז שטענדיג פאַר אים אַ אידישע געווען.

יע, חלוצים זיינען געדולדיגע, חלוצים קענען שטענדיג אָפּפערען מיט זייערע בעסטע פערלאַנגען, חלוצים ווילען ליידען און וואַרטען, ניט פאַרגעסען האָבען מיר אין אים, אָ ניין.

דער לעצטער פון אונז וועט דיך מיט זיך מיטנעמען!

רבי וויז, אגודת הרבנים און מזרחי. *)

אָמר ר׳ יוחנן לא חרבה ירושלים, אלא ע״י שהעמידו
על דין תורה ולא עשו לפנים משורת הדין. (ב״מ, ל:).

ערשט נעכטען איז רבי וויז געווען איינער פון אונזערע, איינער פון אונזערע בעסטע געטרייסטע ציוניסטען, איינער פון אונזערע גרעסטע מליצי יושר, וועלכער האָט געדינט און פאַר־טיידיגט זיין פאָלק אין אַלע זיינע קאַטאַסטראָפאלע מאָמענטען מיט דער גרעסטער מסירות נפש.

אַט איז ער אין וויען און ווערט פון דעם גאַנצען אידענטום־פאַרשטעהער אַנגעפּאַרטרויט אַלס דער מעגלאכער נאָכפאָלגער פון ווייצמאַן׳ען.

אַט איז ער אין פילאַדעלפיע און קעמפט מיט דער גרעסטער עקשנות געגען די קרים רעזאָלוציע.

אַט איז ער אין וואַשינגטאָן און איז מפיל תחנונים געגען דעם עמיגריישאָן ביל, אַט אַטיקירט ער די קו־קלוקס־קלען, אַט באַפאַלט ער פאָרד׳ן, אַט קומט ער קיין באַלטימאָר, אַט איז ער אין באַפלאָ, אַט פאָרט ער אין טאָראָנטאָ, אַט זיצט ער צווישען רבנים און האַלט זיך עצות מיט די לידער פון מזרחי. — און פלוצלונג „בין־לילה“, אַ מהפכה, אַן איבערקערעניש: רבי וויז איז שוין „מחוץ למחנה“. ער איז שוין מער ניט אונזערער, ער איז גאָר דער גרעסטער „מסית ומדיח„, דער גרעסטער „בוגד“ און איז אין חרם.

---

*) דעם אַרטיקעל האָב איך אָפּגעדרוקט אין „טאָג“ גלייך ווי דער ענין וויז האָט זיך צעפלאַקערט.

ווער נאָך ווי איר „תלמידי חכמים" ווייסט ווי פאָרזיכטיג און דעליקאַט מען דאַרף צו גיין צו דעם ענין פון דיני נפשות. ווער נאָך ווי איר „אוחזי התורה" האָט אַזוי פיעל ענערגיע אָפּ־געגעבען אום כדי ניט „נכשל" ווערען חלילה, אין אינקווירען דיני נפשות.

וואָס האָבען אונזערע סנהדרין געטאָן ווען פאַר זיי איז געשטאַנען אַן ענין פון דיני נפשות: „כיצד מאימין את העדים?" מען פלעגט די עדות נעמען אויף דעם גרעסטען קרייץ־פאַרהער: „שמא תאמרו מאמד ומשמועה, עד מפי עד, ומפי אדם נאמן, או שמא אי אתם יודעים שסופנו לבדוק אתכם בדרישה ובחקירה" מען האָט יעדען איינציגען עדות באַזונדער זיבען פראַגען גע־פרעגט (כל המרבה בבדיקות הרי זה משובח) אום כדי אַרוים־צוגעבען אַ משפט צדק און מלמד זכות זיין אויף דעם אָנגע־קלאָגטען.

(אמר אחד מן התלמידים: יש לו ללמד עליו חובה — משתקין אותו. יש לו ללמד עליו זכות, — מקבלין אותו בסבר פנים יפות ומעלין אותו ומשובין אותו ביניהם, ולא היה יורד משם כל היום.) און איר רבנים, מנהיגים און לידערס, ווילט גאָר ניט וויסען פון קיין עדות, פון קיין הכחשות, אייך פאַר־אינטערעסירט גאָר ניט „אם באמת נעשתה התועבה הזאת בישראל" און טראָגט אַרוים אייער „משפט צדק" אויפ'ן גרונד פון רעפּאָרטערס און דאָס אויך ניט „מפיהם" נאָר „מפי כתבם", אויף איינעם וועלכער האָט גאָר אַזאַ סטייטמענט קיינמאָל ניט געזאָגט, און איר נעמט אויף זיך אַזאַ גרויסע אחריות פון אָוועק־צוטרייבען פון אונז אַזאַ גרויסע קראַפט וועלכע טראָגט אויף זיך אַזוי פיעל הילף פאַר דער אויפלעבונג פון אונזער לאַנד און שפּראַך, און סעקלודירען אים אויף אייביג. ווייסט איר ניט פון דעם איר חשוב'ע רבנים, אַז פאַר די לעצטע דריי יאָר האָט סטיפען וויז אַ דאַנק זיין גרויסער השפעה, טויזענטער אַסימי־

לאַנטען און אַנטי-ציוניסטען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַריינגעקראָגען?

ווייסט איר ניט איר „חשוב׳ע מנהיגים" אַז דער סוקסעס פון דעם פינף מיליאָן דאָלאַר דרייוו איז זעהר פיעל אָפּהענגיג אין דער גרויסער פּערזענליכקייט פון רבי וויז?

הוו מתינים בדין" איז אונזער פאָדערונג פון אייך. מיר ווילען פון אייך אַז איר זאָלט צו גיין צו דעם ענין מיט דער זעלבער פּאָרזיכטיגקייט, מיט דער זעלבער מלמד זכות סיסטעמע ווי אונזערע סנהדרין.

(„שמע בין אחיכם ושפטתם" — אמר ר׳ חנינא: אזהרה לדין, שלא ישמע דברי בעל דין קודם שיבוא בעל דין חברו, ואזהרה לבעל דין, שלא יטעים דבריו לדין קודם שיבוא בעל דין חבירו", סנה׳ ח.) מיר רופען אייך צו אַ דין תורה און פאַרלאַנגען פון אייך אַז איר זאָלט דערווייל אַראָפּנעמען דעם חרם.

געדיינקט איר „חשובע רבנים דעם סטייטמענט פון ר׳ יוחנן: „לא חרבה ירושלים, אלא על שהעמידו על דין תורה ולא עשו לפנים משורת הדין".

מיר ווילען פון אייך רבנים אַז איר זאָלט באַטראַכטען אַן ענין פון דיני-נפשות ווי שמעון בן שטח.

שמעון בן שטח האָט אַמאָל געזעהן ווי איינער יאָגט זיך נאָך אַ מענשען און טרייבט אים אַריין אין אַ חורבה. שמעון איז אים נאָכגעלאָפען און אַז ער איז צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, האָט ער ביים פאַרפאָלגער אין האַנד געזען אַ שווערד, פון וועלכען עס האָט גערונען בלוט, און לעבען אים האָט זיך נאָך געצאַפּעלט דער גע׳הרג׳עטער. זאָגט שמעון צו יענעם: רשע! ווער האָט האָט דעם מאַן גע׳הרג׳עט, איך צו דו? אָבער וואָס קען איך טאָן זיין לעבען איז ניט אין מיין רשות, ווייל די תורה האָט געזאָגט, אַז „ע"פ שנים עדים יקום דבר" (סנה׳ ל"ז) נו, און וויפיעל

עדות האָט איהר אַרויסגערופען איידער איהר האָט אייער חרם אורטייל אַרויסגעטראָגען?

וויפיעל בית-דין-שמשים און התראות האָט איר צו רבי וייז געשיקט?

פאַר וואָס זאָלט איר זיך ניט וועלען דערמאָנען אין דעם דרש און לאָגיק פון רב נחמן בר יצחק? (מהו שנאמר: בית דוד כה אמר ה׳ דינו לבקר משפט והצילו גזול מיד עשק״ — וכי בבקר דנין וכל היום אין דנין? אלא אם ברור לך הדבר כבקר אמרהו, ואם לאו, אל תאמרהו. רבי חיא בר אבא אמר ר׳יוחנן מכאן: „אמור לחכמה אחותי את״ — אם ברור לך הדבר כאחותך שהיא אסורה לך, אמרהו ואם לאו — אל תאמרהו (סנה׳ ז׳.) און נאָך אַ זאַך טייערע רבנים.

רבי וייז לייקענט אין גאַנצען אָפּ און טייטשט אוים וואָס ער האָט געזאָגט און וואָס זיין כונה איז דאַביי געווען.

איז דאָס דעם ערשטען מאָל אין אונזער געשיכטע אַז מענשען מאכען אַ טעות, אין אַ גאון׳ס אָדער אין אַ געלערנטענס מענשענס אַ דרשה, אַ דערקלערונג. האָבען די אידען ניט גע-מאַכט אַ טעות אין דעם גרויסען רבי עקיבא: ר׳ עקיבא האָט געזען, אַז בר כוכבא קעמפט מיט ערפאָלג געגען די רוימישע לעגיאָנען, האָט ער אים ערקלערט פאַר משיח׳ן. אַלע האָבען געוואוסט אַז בר כוכבא איז געווען אַ מענש מיט אַלעמען צו-גלייך: ער איז ניט אַראָפּגעקומען פון הימעל און ער האָט אפילו ניט פרעטענדירט גאָר אַז ער שטאַמט פון דוד׳ן, פונדעסטוועגען האָבען אים ר׳ עקיבא און זיינע צייטגענאָסען געהאַלטען פאַר משיח׳ן.

ווען עס טרעפט היינט אַזאַ זאַך — וואָלט שוין ר׳ עקיבא געווים אין חרם געווען.

אויך דערציילט אונז די גמרא אין סנה׳ צ״ח, אַז צווישען די פּרושים האָט זיך געפינען אַ גרויסער געלערנטער מיט׳ן

נאָמען ר׳ הלל, וועלכער האָט גאָר געזאָגט, אַז די אידען האָבען גאָר קיין משיח ניט, און מען האָט איהם אויך אין חרם ניט אריינגענומען, ווייל ר׳ הלל איז געווען אַ גרויסער גלויביגער כאָטש ער איז אַרוים מיט אַזאַ דערקלערונג. אין ר׳ הל׳ס ווער־טער איז געווען אַ גאַנץ אַנדער כונה, און דאָס האָט דער פשוט׳ער עולם ניט פאַרשטאַנען.

איר האָט זיך אַביסעל צוגעאיילט חשוב׳ע רבנים מיט אייער „חומר הדין“, און איר מוזט דערפאַר גלייך צוטרעטען צו אַ ריכטיגע חקירה ודרישה. געדיינקט אַז פאַר אייך שטייט אַ שאלה פון אַ „הפסד מרובה“! געדיינקט אַז אין חבין לאדם אלא בפניו!

געדיינקט אַז דאַ האַנדעלט זיך פון אַוועקגעבען אַ צו גרוי־סען קרבן, אַ „יחידי סגולה“ קרבן, וועלכער איז באַליבט ביי מיליאָנען אידען. געדיינקט אַז אהרן איז אַ כהן גדול געווען, נאָכדעם ווי ער האָט פאַר די אידען אַן עגל געמאַכט.

געדיינקט!

———— ————::————

חיים נחמן ביאַליק.

ביאַליק איז ניט נאָר דער מעכטיגסטער נביא-דיכטער פון די לעצטע עטלאכע יאָהר-הונדערט, וואָס האָט באַשטיגען דעם הייליגען באַרג פון די מוזען, נאָר אויך דער גרעסטער שפּראַך-מייסטער און דער געניאַלסטער בעל מחדש.

אום צו וועלען פילען און פאַרשטיין גוט ביאַליק׳ן, אים קענען אַביסעל נעענטער און טיפער, מוזען מיר צוערשט דער-געהן דעם טיפען געהיימניספולען שורש פון זיין נשמה, דערגעהן דעם וועג וועלכער פירט אַריין אין זיין קדשי-קדשים. מיר מוזען קודם זיך דערנענטערען צו זיין פאָלק, צו זיין לאַנד, צו זיין גאָט און צו זיין שפּראַך, די שפּראַך פון די נביאים, וועלכע דאָס אַלעס איז דאָך דאָס הייליגסטע פון זיין אידעאַליזם. אנדערש קענען מיר גאָר קיין באַקאַנטשאַפט שליסן מיט אים אַנדערש קענען מיר גאָר אין זיינע ד׳ אמות ניט שטעהן, אַנדערט וועט זיך גאָר זיין שיר-השירים׳דיגע שכינה צו אונז זיך ניט אַנט-פּלעקען.

מיר האָבען זיך אַבסאָלוט ניט וואָס צו שרעקען פאַר זיינע מעון המתגבר׳דיגע געפילען, פאַר זיין איבערמענשליכער צאַר-טע, תמימות׳דיגע נשמה. מיר דאַרפען נאָר קענען דורכמאַכען זיינע אַלע עטאַפּען, דורכשפּאַצירען מיט אים דעם גלות, זיצען „משמרים״ פאַר דער שיין פון אַ חלב׳נער ליכטעל אין בית-מדרש, לייענען וואָרט ביי וואָרט די מגלת האש, שרייבען גלות בריוועלאַך אין ציון, שפּאַצירען אויפ׳ן בית עולם, אין דער עיר ההרגה״, ערשט דאַן וועלען מיר אים גוט פיהלען און פאַרשטיין,

ערשט דאַן וועלען מיר זיך אָפּרופען אויף זיין נביא׳שען שטאַר-קען אַפּיעל: למתנדבים בעם! ערשט דאַן וועט זיין „תתחזקנה ידי כל אחינו" מקוים ווערען.

אפשר פאַר דאָס איינציגע דאַרפען מיר דעם גלות צום גוטען דערמאָנען: ער האָט אונז אַ ביאַליק געגעבען, וועלכער דינט אונז פאַר אַן „עמוד אש", וועלכער באַלייכט אונז דעם וועג וועלכער פירט אונז צו דעם לאַנד, וואו דער פרילינג רוהט אייביג אין איר.

ווי שמואל און ירמיה הנביא, אַזוי האָט אויך ביאַליק צו זיין פאָלק ישראל אין דער בליענדער יוגענד געקומען.

אין יאָר תרנ"א, ווען ביאַליק האָט צו זיין פאָלק די ערשטע „בכורים" געבראַכט, האָט ער שוין געשמאַכט און געביינקט צו דעם לאַנד פון די נביאים, שוין דאַן איז אים ווי אַ זקן דער גלות נמאס געוואָרען.

שוין דאַן דערציילט ער זיין ביטערע האַרץ פאַר דער פויגעלע אין זיין שיר „אל הצפור":

ואני מה אספר לך, צפור נחמדה,\
מפי מה תקוי לשמע?\
מכנף ארץ קרה לא־זמירות תשמעי,\
רק קינים, רק הנה ונה.

ביאַליק׳ן איז אייננ דער גלות, ער איז פאַר אים אַ שטיק טומאה, ער פיהלט ווי אַלעס איז פרעמד און ניט נוצבאַר:

כי מה שיר ישראל בגולה — ציץ יבש,\
ציץ עלפה, שטל אור את עליו לא ירטב,\
זרע גר אשר נפל אל רפש ועבש,\
פקעה ששלפה ויבשה במרתף.

ביאַליק׳ס גליק איז נאָר וואָס ער קען היילען זיין צו־לעבערטע האַרץ אין די אגדות פון תלמוד. אין זיי געפינט ער אַ טרייסט, אַ נחמה, אַ כח צו שאַפען און צו האָפען:

בכם דפי תלמוד, בכם עלים בלים,
אגדות נחמדות וקדומות,
בימי חיי הבלי כי אהגה נכאים —
בכם נפשי תמצא תנחומות.

אָבער נישט שטענדיג קען ביאַליק זיין „צער און צאָרען" אין די שטימע אגדות שטילען, נישט שטענדיג קען דער טיפסטער געפהילס־מענש פון זיי זיך געטרייסט לאָזען ווערען. ניין, ער קען נישט, ער אַנטלויפט פון דעם בית מדרש. און ווי נאָר ער דערזעט נאָר ווי אַלץ אַרום איז וויסט פינסטער און פרעמד — אַזוי ווייזט ער אונז דעם שפּל׳דיגען סך הכל פון גלות:

גם שלום לך לא יאירו,
גם שלום לך לא יאמרו,
גם אבני הרחוב, גם שמים
על ראשך לך יתנכרו.

ביאַליק וויינט נישט וואָס דער גלות איז אַזאַ ביטערער, וואָס ער איז אַזאַ הינטעשער (חיי כלב) — ביאַליק׳ן רירט מער וואָס גלות דריקט און פרעסט מער ארץ ישראל. ווען ביאַליק הויבט אויף זיינע אויגען צום מזרח און דערזעט פאַר זיך די חרוב׳ע ארץ ישראל, דאַן רינען טרערען פון די משורר׳שע פאַרלאָפענע אויגען.

כי תראה אותי מוריד דמעות,
ולמספד אקרא הענגים,
על חרבן איזה ארץ פלאות
על אבדן איזה גן עדנים.

אָפּטמאָל איז ביאַליק אָפּטאָמיסטיש און גלויבט אין די שוואַכע קרעפטען פון זיין פאָלק, און רופט זיי צום קאַמפּף:

ולמה המפגרים פעמיכם כה בוששו?
העבד ישראל, האם בני מרוז?
הוי, כחות נפרצים, התלקטו, התקוששו?
עבדו שכם אחד בחיל ועוז!

ביאַליק איז אָבער ניט צופריעדען פון דער אַרבעט פון זיין פאָלק, אים דוכט זיך אַז דאָס פאָלק וויל זיך ניט אָנשטריינגען, וויל זיך ניט מוסר נפש זיין, איז ווייט פון זיך אַליין אַ קרבן צו ברייננגען פאַר זיין אויפלעבונג פאַר זיין באַפרייאונג, און רעט אַרוים פאַר דער גאַנצער וועלט זיין שטאַרקען צווייפעל און סקעפּטיציזם.

דאָס פאָלק איז גראָז, טרוקען ווי אַ האָלץ, איז טויט. ער גלויבט גאָר ניט אויב דאָס פאָלק וועט אפילו ערוואַכען ווען די גאולה פאָהן וועט פלאַטערען אין דער הויך, ער צווייפעלט.

אכן חציר העם, יבש היה כעץ,
אכן חלל העם, חלל כבד אין קץ,
הוא לא ייקץ אם לא יעירנו השוט,
הוא לא יקום אם לא יעירנו השוד.

עלה נובל מעץ, אזוב עולה בגל,
גפן בוקק, ציץ מק — היחינו הטל?
גם בתקוע השופר ובתנשא הנס —
היתעורר המת? היזדעזע המת?

אָפּטמאָל דערגרייכט ביאַליק'ס יאוש צו אַזאַ מדרגה — אַז ער גלויבט שוין גאָר ניט אין זיינע תפלות, ער פאַרלירט די קלענסטע האָפנונג, און ער ווענדעט זיך צו די הימלען אַז זיי זאָלען פאַר אים גאָט בעטען:

שמים! בקשו רחמים עלי:
אני — לבי מת ואין עוד תפלה בשפתי,
וכבר אזלת יד אף אין תקוה עוד —
עד מתי, עד אנה, עד מתי?

ביאַליק איז פאַר אונז דער „איכה" פון גלות, אַ גלות מעלאַנכאָליע באַגלייט אים אויף יעדען שריט און טריט. אָט דאַכט זיך רופט ער זיין חבר, זיין פריינד צו זיך אין שטוב, צו פאַרברייגען מיט איהם אין גאַרטען, און פלוצלונג באַהערשט אים די גלות מעלאַנכאָליע, און וויל שוין קיינעם לעבען זיך ניט האָבען, ער וויל ניט אַז אַ פרעמדער זאָל פון זיין יאוש און מרה שחורה וויסען.

ביום קיץ, יום חם, עת השמש ממרום
הרקיע תלהט כתנור ביום,
עת יבקש הלב פנת שקט לחלום —
בא אלי, רע עיף!

לי יש גן, ובגן תחת אוג כבד צל
כלו עטוף ירקרק, כלו אומר סוד אל —
שם נחבא, ננוח אח נעים!

אך בבא תור הסתו, בימי סגריר ועב;
דלף טרד על הגג — עש בקרב לבב —
בי, עזבני לנפשי, אח חנון!

בשממון הזה אחפץ בדד היות;
אל תראני עין זר, זר לא יבין את זאת
ועריריי אחרישה ביגוני.

און ווען ביאַליק איז אַ מתבודד, ווען ער וויל קיינעם ניט האָבען, אַרט אים אפילו ניט וואָס זיין געליבטע גייט פון אים אוועק. פאַרקערט ער שיינקט איר נאָך אַ ברכה אין וועג:

הולכת את מעמי — לכי לשלום
ויהי רצונך לבדי נר לנתיבתך,
ומצאי את השלוה באשר תהיי.

אמת ער רופט איר פיעל מאָל אין פעלד, צום טייכעל, אָבער זי קומט ניט אַרוים, עס רירט איהר אפילו ניט זיין שיר, זיין זינגען.

קומי צאי, אחותי כלה,
יחד נרד אל המעון,
וכמוך, מלא רוך
עליו, בהיר ואורירי,
תחת שמי אדני
עם הגל ועם הדרור
יזהר אף יצלצל שירי.

זייער זעלטען דערציילט אונז ביאַליק אַז אַ שיינער מיידעלשער פנים, אַז שוואַרצע אויגען קענען זיין האַרץ פאַנגען.

ער פאַרבאָרגט פאַר אונז אפילו די עסטעטישע זייטען פון דער איינציגער מיידעל וועלכער ער האָט געליבט און האָט איר מיט זיין ליבע געענטפערט.

מיר ווייסען מער ניט אַז זיי האָבען ביידע איין עפּעל געביסען און געגעסען:

ובמחשף לבנת התפוח
הכירה שני עקבות שנה,
וירח אפי ריח פננה;
אך ריחה — ריחה השכירני
וכיין מתוק עברני —
לבבי פג, לא קם בי רוח.
מאז — מאז לי היתה פננה.

דאָס איינציגע מאָל וואָס מיידעלשע אויגען האָבען ביאַליק'ן איבערגעלאָזען זכרונות און ביינקשאַפט — איז דאָס געוועזען די מיידעל וועלכע ער האָט איר אַליין אין וועלדעל צווישען די לאַטוס בוימער געטראָפען:

שני צפעונים, פתנים שחורים,
אראה בקעו, גחו
מעיניה אל לבתי,
ירדו אף נשכו;

היא נעלמה ויעלמו
אתה עקבותיה;
אך עיניה ירדפוני
תמיד — הה, עיניה!

די מיידעל האָט ביאַליק'ן קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשיינקט, אפשר ווייל זי האָט געוואוסט אַז ביאַליק ווייסט ניט ווי צו ליבען און וואָס אַזוינס הייסט ליבע:

ועוד רז לך אתודה:
נפשי נשרפה בלהבה;
אומרים אהבה יש בעולם —
מה זאת אהבה?

ביאַליק זעט ניט פאַר זיך קיין הימעלשע ליבע, קיין שולמית ראָמאַן:

מנהג חדש בא למדינה:
נעלי משי עם קשורים
ועל צואר נערה אחת
תולים עצמם שני בחורים.

חיים נחמן ביאַליק קען צו לאַנג אין פעלד ניט שטיין און באַוואונדערען און באַזינגען די נאַטור. פיעל מאָל קומט אים אוים פאַרבייצוגיין לעבען אַ בלומען-גאָרטען און שטעלט זיך אפילו ניט אָפּ. אַט שטייט ער דוכט זיך לעבען טייכעל, לעבען דעם קלאָרען וואַסער, און איז שוין גרייט זיך אויסצוציען אויפ'ן גראָז דעם גרינעם — און פלוצלונג באַהערש אים אַ מרה שחורה, אַ שרעק, און אַנטלויפט ערגעץ ווייט אין אַ ווינקעל.

ביאַליק קען זיך קיין פאַרגעניגען ניט ערלויבען, עס לאָזט אים ניט זיין פאָלק. און העכער פון זיין פאָלק איז ביי ביאַליק'ן גאָר ניט פאַראַן.

אינהאַלט פערצייכנים:

1) דער שופר בלאָזען פון די בערג אין ציון 7
2) יום כפור 9
3) ס כ ו ת 16
4) די היינטיגע חשמונאים און מכבייער 20
5) פורים אַלס דער יום־טוב פון נקמה 23
6) פסח דער יום־טוב פון אונזער בעפרייאונג 27
7) מתן תורה 31
8) תשעה באב 37
9) וואָס אַ לעהרער דאַרף קענען אין אמעריקא 41
10) דער חנוך אין אמעריקא 47
11) עברית בעברית 52
12) בין הזמנים 56
13) קרן קימת לישראל 58
14) קרן - היסוד 64
15) פריוואַטע לאַנד ערוועַרבונג אין ארץ־ישראל 69
16) הילף פאר אונזערע ברידער אין מזרח איראָפּא 74
17) די חלוצים אויף הרצל׳ס קבר 78
18) רבי וויז, אגודת הרבנים און מזרחי 81
19) חיים נחמן ביאליק 86

Price 2 Dollars